ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# סדר
# ברכת המזון

## בלשון הקודש
## ואידיש

**60**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ד לפ"ק

# ברכת המזון
# ברכה פרנסה

קויפט דעם ברכת המזון און אייער הויז וועט זיין געבענשט

פערלאַנגט דאָס בערימטע נייע געדרוקטע

ברכת המזון "ברכה פרנסה"

מיט זעהר פיעל מעלות טובות

אויך די תפילה גאָט פון אברהם למוצאי שבת קודש

גרויסע שעהנע אותיות אויף ריגאַל פאַפיר

א זעהר גוטער פרעזענט פיר שמחות צו אייערע געסט

ביי אַלע מוכרי ספרים, אויך ביי

## רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה׳.

אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ אִיז שׁוּלְדִיג גָאטְס פָּארְכְטִיג צוּ זַיין אוּנ מִיט עָהְרֶע אוּנ פָּארְכְט פַאר זַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען צוּ דִינֶען אַלְס וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעבָּאטֶען צוּ טְהוּן דַאדוּרְךְ וֶועט דֶער מֶענְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (וּשְׁמַרְתֶּם אֶת חֻקוֹתַי וְאֶת מִשְׁפָּטַי אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אוֹתָם הָאָדָם וָחַי בָּהֶם) דָאס אִיז טַייטְשׁ אִיהר זָאלְט הִיטֶען מַיינֶע גֶעזֶעץ אוּנ מַיינֶע גֶערֶעכְט וָואס דֶער מֶענְשׁ וֶועט זֵיי טְהוּן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבֶען דָם אֵייבִּיגֶע לֶעבֶּען. אִין (סֵפֶר שְׁלָ״ה) שְׁטֵייט אֵין פֵּירוּשׁ אוֹיף דֶעם וָוארְט (וָחַי בָּהֶם) דֶער מֶענְשׁ זָאל לֶעבְּהַאפְט אוּנ מִיט פְרִישׁ גֶעמִיט דִי מִצְוֹת טְהוּן. נִיט טְרוֹירִיג אִין גָאטְס דִינְסְט זַיין. דֶען אָפְט מַאכְט דֶער יֵצֶר הָרָע דִי מֶענְשֶׁען טְרוֹירִיג דָאס זֵייא דִי תּוֹרָה אוּנ תְּפִלָּה פַאר זוֹימֶען. דֶער מֶענְשׁ זָאל גֶידֶענְקֶען דָאס גָאט הָאט אִיהְם זַיין נְשָׁמָה אִין דֶער פְרִיא צוּרִיק גֶעגֶעבֶּען. עֶר הָאט דָאךְ גֶעקָאנְט אִין שְׁלָאף טוֹיט בְּלַייבֶּען לִיגֶען. וּבִפְרַט וִוי דִי (סִפְרֵי מוּסָר) שְׁרֵייבֶּען דָאס דִי נְשָׁמָה שְׁרֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נַאכְט אִיהְרֶע עֲבֵירוֹת נָאר גָאט הָאט זִיךְ אִיבֶּער אִיהְם עֶרְבַּארִימְט אוּנ הָאט אִיהְם פְרִישֶׁען כֹּחַ גֶעגֶעבֶּען אַזוֹי זָאל עֶר אוֹיךְ אַלֶע מָאל זֶעהֶן גָאטְס דִינְסְט צוּ פַאר רֶעכְטֶען אַזוֹי גְלַייךְ דַאנְקֶען אוּנ לוֹיבֶּען אִיהְם גְלַייךְ בַּיי דֶעם אוֹיף שְׁטֵיין אוֹיב עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ נִיט גֶעוַואשֶׁען אַזוֹי זָאל עֶר זָאגֶען:

## מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ:

דָאס אִיז טַייטְשׁ אִיךְ דַאנְק דִיר לֶעבֶּעדִיגֶער גָאט אוּנ פַארְשְׁטַאנְד הַאפְּטִיגֶער קֶענִיג דָאס דוּ הָאסְט מִיר מַיין נְשָׁמָה וִוידֶער גֶעגֶעבֶּען מִיט דַיין עֶרְבַּארְמוּנְג גְרוֹיס אִיז דַיין וָוארְהֵייט. מֶען מֶעג דָאס נָאךְ אוּם גֶעוַואשֶׁען זָאגֶען וַוייל קֵיין שֵׁם אִיז אִין דֶעם נִיט גֶעדֶענְקְט:

אִין (שֻׁלְחָן עָרוּךְ סִימָן ב) שְׁטֵייט (אַל יֹאמַר אָדָם) דֶער מֶענְשׁ זָאל נִיט זָאגֶען אִיךְ בִּין בְּחַדְרֵי חֲדָרִים פַארְשְׁלָאסֶען אִין מַיינֶע שְׁטוּבֶּען וֶוער זֶעהְט מִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין נִיט בִּצְנִיעוּת. דֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אִיז (מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ). פַאר גָאט אִיז נִיט פַארְבָּארְגֶען עֶר זֶעהְט אַלֶעס וָואס אִין דֶער פִינְסְטֶער אוּנ פַארְבָּארְגֶענְהֵייט גְלַייךְ וִוי עֶס גֶעשֶׁעהֶן וַואר בַּיי לִיכְט אוּנ אָפֶענְבַּאר וֶוערְט

געטהון

געטהון דרום זאָל מען זיך דאָס העמד בצניעות אָן טהון אויף דעם בלויסען גוף נישט פאַר די פיער ווענד זעהן צו לאָזען. מען מוז דאָס העמד איבער דעם קאָפּ נעמען ווען מען ליגט נאָך אין בעט אונ איין האַנד אַריין שטעקען דער נאָך דעם אַנדערען. ווער עס איז זיך אין די אַלע זאַכען נוהג בצניעות דער האָט (יראת שמים בלבו) אונ איז איין (בן עולם הבא):

אַזוי באַלד וויא מען שטייט אויף זאָל מען זיך דריי מאָל אויף איטליכער האַנד וואַשען. מען נעמט דאָס כלי מיט וואַסער אויס דער רעכטע האַנד אין דער לינקע אונ מען גיסט מיט די לינקע האַנד אויף דער רעכטע האַנד דער נאָך מיט דער רעכטע האַנד אויף דער לינקע האַנד אונ אַזוי דריי מאָל. די מקובלים שרייבען דאָס איין רוח רעה רוהט אויף די הענד ביי נאַכט וואָס איז מטמא דעם מענש אונ עס גייט ניט אַוועק ביז מען האָט זיך דריי מאָל געוואַשען מיט איין כלי דרום האָבען אונזערע חכמים געזאָגט ווער עס גייט פיר איילען אום געוואַשען איז חייב מיתה דרום זאָל מען ביי דעם בעט האָבען שטיין איין כלי מיט וואַסער, מען דאַרף זיך ניט אום געוואַשען אַן ריהרען אָן מויל אָדער אָן נאָז אויך ניט אָן די אויגען אונ די אויערען מען זאָל זיך אויך דאָס מויל פון שליים אויסוואַשען כדי מען זאָל קענען גאָט לויבען מיט איין ריין מויל. אפילו בתענית יחיד מעג מען דאָס טהון ווען ער איז געוואוהנט. אָבער אין תענית צבור דאַרף מען דאָס ניט צו טהון. אויך זאָל מען זיך דאָס פנים וואַשען. דאָס וואַסער וואָס מען האָט דאַרין עטוואָס אויסגעשווענקט אָדער איין מלאכה דאַמיט געטהון דאַרף מען ניט צו נטילת ידים געברויכען. בשעת הדחק ווען מען באַקומט ניט קיין וואַסער מעג מען די הענד אין שניי אויף דריי ערטער איין שטעקען מען בעדאַרף אַזוי אַכטונג צו געבען אויף די ווייבער וועלכע גייען אום מיט דעם עסען דאָס זי זאָל זיך רעכט נאָך דעם דין וואַשען דעמיט וועט זי ניט מטמא זיין דאָס עסען מיט רוחות רעות וועלכע קענען דעם מענש ברענגען צו אַנדערע עבירות. אויך זאָל מען ניט נעמען פון איינעם וואָס האָט זיך ניט געוואַשען:

ווייל איטליכער מענש געוויינטליך איז ביי נאַכט (משתין) צו זיין אָדער זיין צורך צו טהון. האָבען אונזערע חכמים מתקן געוועזען דאָס מען זאָל אין דער פריא גלייך זאָגען די ברכה אשר יצר אונ ווייטער די אַנדערע ברכות. אויך אין מיטען טאָג ווען מען האָט זיין צורך געטהון קטנים אָדער גדולים מוז מען זיך וואַשען אונ די ברכה אשר יצר זאָגען מיט כוונה דען ווען דער

מענש

מענש קען חלילה זיין צורך ניט טהון וואלט ער קראנק געווארען און האט געקאנט שטארבען דערפון דרום געהער ער גאט צו דאנקען דערפאר:

מען דארף קיין ברכה ניט זאגען ביז מען זעהט זיך ארום אויב קיין צואה אדער השתנה אין דעם חדר איז. מען דארף אויך קיין ברכה זאגען ווען מען האט ניט ארום לייב קיין גארטעל פון וועגען (לבו רואה את הערוה) אויך איז אסור ברכה צו זאגען ווען זיינע אויגען זעהן איין ערוה אפילו פון איין קינד:

איין זכר זאל זיך זיין ארבע כנפות אן טהון און ניט גיין פיער איילען וויים אהן ציצית מען דארף אויך ניט גיין ד׳ אמות מיט בלויסען קאפ און מען דארף אויך ניט געדענקען דעם נאמען פון גאט מיט דעם בלויסען קאפ:

איידער מען זאגט די ברכה נטילת ידים זאל מען אין מחשבה האבען די גדולה פון השם יתברך. ער זאל זאגען איך בין אנגעברייט צו לויבען מיין באשעפער דער וואס איז איין יחיד ומיוחד דער איינציגער דער הער איבער אלע עולמות אזוי וואהל דער עולם פון די הימלען מיט אלע שטערען אלץ אויך דער עולם המלאכים און עולם הכסא זענען אלע נאר גערעכענט אלס איין זענפט קערנדעל דען אלץ איז פון איהם ענטשטאנדען אלץ האט ער באשאפען:

און מען וואשט זיך און מען זאגט די צוויי ברכות על נטילת ידים און אשר יצר:

# ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על נטילת ידים:

# ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר יצר את האדם בחכמה וברא בו נקבים נקבים חלולים חלולים גלוי וידוע לפני כסא כבודך שאם יפתח אחד מהם או יסתם אחד מהם אי אפשר להתקים ולעמוד לפניך אפילו שעה אחת: ברוך אתה יי רופא כל בשר ומפליא לעשות:

ווער עס איז ניט געשלאפען ביי נאכט מוז ער זיך דאך אין דערפריה וואשען אבער ער דארף קיין ברכה (על נטילת ידים) זאגען אזוי איז אויך דער דין ווער עס שלאפט ביי טאג אדער ווער עס וואשט זיך פארטאי:

די קינדער וועלכע קענען נאך ווייניג רעדען זאל מען ז׳ אגען די

ברכה על נטילת ידים אונ תורה צוה לנו משה ווי דא פאר אונז געדרוקט איז. אונ ווען זיי קענען שוין עטוואס מעהר רעדען זאל מען זיי אויך פארזאגען די פרשה פון קריאת שמע אונ די ברכה פון ציצית:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת יָדָיִם:

ברכה פאר זכרים:

תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה קְהִלַּת יַעֲקֹב: בְּרָכוֹת יְחוּלוּ עַל רֹאשִׁי: שְׁמַע בְּנִי מוּסַר אָבִיךָ וְאַל תִּטּוֹשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ: תּוֹרָה תְּהֵא אֱמוּנָתִי וְאֵל שַׁדַּי בְּעֶזְרָתִי: וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּיְיָ אֱלֹהֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם: לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי יְיָ:

די גמרא זאגט דער יוד וואס געהט אנגעטהון מיט כשר'ה ציצית וועט ער זוכה זיין צו זעהן די שכינה. דער וואס איז מקיים די מצוה ציצית איז ביי הקב"ה גלייך ווי ער וואלט מקיים געוועזן די גאנצע תורה אונ פאר די מצוה ציצית וועט ער האבען אזו פיעל שכר גלייך ווי ער וואלט די גאנצע תורה מקיים געוועזן אונ אפילו ווייבער וואס זיי דארפען ניט געהן אנגעטהון מיט ציצית פון דעסט וועגען וועלען זיי אויך האבען שכר פון דיא מצוה ציצית ווייל זייא געבען אכטונג זייערע קינדער זאלען געהן מיט ציצית דריבער דארף יעדער יוד געהן אנגעטהון א טלית קטן מיט כשר'ה ציצית:

קינדער וואס זענען ארענטליך דאס זיי קענען זייערע קליידער האלטען ריין פון כנפות זאל מען זיא איין ארבע כנפות מאכען מיט פיער כשר'ה ציצית



ברכה פאר נקבות:

תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה קְהִלַּת יַעֲקֹב: שְׁמַע בִּתִּי מוּסַר אָבִיךְ וְאַל תִּטְּשִׁי תּוֹרַת אִמֵּךְ: תּוֹרָה תְּהֵא אֱמוּנָתִי וְאֵל שַׁדַּי בְּעֶזְרָתִי: וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּיְיָ אֱלֹהֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם: לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי יְיָ:

וַאֲנַחְנוּ כּוֹרְעִים וּמִשְׁתַּחֲוִים וּמוֹדִים לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא:

גאט איך האף צו דיר היינט אונ אלע מאל · איך וויל גוט זיין איך וויל פרום זיין איך וויל טהון וואס גאט הייסט וואס טאטע מאמע הייסען וואס אלע גוטע אונ פרומע לייט הייסען מיר טהון צום גוטען. א ברכה והצלחה זאל קומען אויף מיר אונ אויף מיינע טאטע מאמע אמן:

ליבער הער גאט איך בין היינט אויפ־געשטאנען צו דיין הייליגע דיענסט אונ צו דיין הייליגע לוב. דאס העט איך גערען

ברכה פאר נקבות:

געטוהן ליבער הער דו זאלסט מיר צו שיקען דריי גוטע געבענשטע מלאכים איינער זאל מיך שפייזען. דער אנדערער זאל מיר מיין שטעג אונ וועג ווייזען. דער דריטער זאל מיך לערנען א סך צום דער נעהר. אלרעם גוטס וואס צו מיר געהער. תורה ומצות ומעשים טובים ביי דעם ליבען היילינען פאטער וואס איבער אונז איז אויבען. איך זאל איהם קענען דינען אונ לויבען ווי הוך געלויבט איז דאס דיין היילינען נאמען אנצורופען. ליבער הער דו ביזט מיין פאטער אונ איך בין דיין זינדיג קינד פערגיב מיר גאט אלע מיינע עבירות אונ ביטערע זינד. אזו ווי איין פאטער צו זיין קינד. איך האב געזינדיגט געגען דיר אונ געגען עלטערע לייט. חטאתי עויתי פשעתי לפניך: יי צבאות עמנו משגב לנו אלהי יעקב סלה: ג"פ יי צבאות אשרי אדם בוטח בך: ג"פ יי הושיעה המלך יעננו ביום קראנו: ג"פ אתה סתר לי מצר תצרני רני פלט תסובבני סלה: וערבה ליי מנחת יהודה וירושלים כימי עולם וכשנים קדמוניות: גאט שיק מיר צו דיין הילף אונ דיין שלום דיין טראסט אונ דיין גנאדע. הארצידיגער פאטער ערבארעם דיך איבער מיר אונ איבער מיינע טאטע מאמע אמן סלה:

ברכה פאר זכרים:

אונ זאל זייא לערנען זאגען די ברכה:

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות ציצית:

מצות יי ברה מאירת עינים:

ויהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתהא חשובה מצות ציצית לפני הקדוש ברוך הוא כאלו קימתיה בכל פרטיה ודקדוקיה וכונותיה ותרי"ג מצות התלוים בה אמן סלה:

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו לעסוק בדברי תורה:

מען דארף זאגען אמן נאך דיא ברכה:

והערב נא יי אלהינו את דברי תורתך בפינו ובפיות עמך בית ישראל ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל כלנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה: ברוך אתה יי המלמד תורה לעמו ישראל:

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו: ברוך אתה יי נותן התורה:

וידבר יי אל משה לאמר: דבר אל אהרן ואל בניו לאמר כה תברכו את בני ישראל אמור להם:

יברכך יי וישמרך: יאר יי פניו אליך ויחנך: ישא יי פניו אליך וישם לך שלום:

ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם:

אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאֵין לָהֶם שִׁיעוּר. הַפֵּאָה וְהַבִּכּוּרִים וְהָרְאָיוֹן וּגְמִילוּת חֲסָדִים וְתַלְמוּד תּוֹרָה: אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּירוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לְעוֹלָם הַבָּא: וְאֵלּוּ הֵן. כִּבּוּד אָב וָאֵם. וּגְמִילוּת חֲסָדִים. וְהַשְׁכָּמַת בֵּית הַמִּדְרָשׁ שַׁחֲרִית וְעַרְבִית. וְהַכְנָסַת אוֹרְחִים וּבִקּוּר חוֹלִים. וְהַכְנָסַת כַּלָּה. וְהַלְוָיַת הַמֵּת. וְעִיּוּן תְּפִלָּה. וַהֲבָאַת שָׁלוֹם בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ (וּבֵין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ) וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כֻּלָּם:

אֱלֹהַי. נְשָׁמָה שֶׁנָּתַתָּ בִּי טְהוֹרָה הִיא. אַתָּה בְרָאתָהּ אַתָּה יְצַרְתָּהּ אַתָּה נְפַחְתָּהּ בִּי. וְאַתָּה מְשַׁמְּרָהּ בְּקִרְבִּי. וְאַתָּה עָתִיד לִטְּלָהּ מִמֶּנִּי וּלְהַחֲזִירָהּ בִּי לֶעָתִיד לָבֹא. כָּל זְמַן שֶׁהַנְּשָׁמָה בְקִרְבִּי מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי רִבּוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים אֲדוֹן כָּל הַנְּשָׁמוֹת: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ הַמַּחֲזִיר נְשָׁמוֹת לִפְגָרִים מֵתִים:

אֵל מֶלֶךְ נֶאֱמָן

# שְׁמַע יִשְׂרָאֵל יְיָ אֱלֹהֵינוּ יְיָ אֶחָד:

בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד:

וְאָהַבְתָּ אֵת יְיָ אֱלֹהֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאוֹדֶךָ. וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם עַל לְבָבֶךָ: וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ: וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת עַל יָדֶךָ וְהָיוּ לְטֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ: וּכְתַבְתָּם עַל מְזוּזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ:

וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹתַי אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם לְאַהֲבָה אֶת יְיָ אֱלֹהֵיכֶם וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם וּבְכָל נַפְשְׁכֶם: וְנָתַתִּי מְטַר אַרְצְכֶם בְּעִתּוֹ יוֹרֶה וּמַלְקוֹשׁ וְאָסַפְתָּ דְגָנֶךָ וְתִירֹשְׁךָ וְיִצְהָרֶךָ: וְנָתַתִּי עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ: הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם: וְחָרָה אַף יְיָ בָּכֶם וְעָצַר אֶת הַשָּׁמַיִם

וְלֹא יִהְיֶה מָטָר וְהָאֲדָמָה לֹא תִתֵּן אֶת יְבוּלָהּ וַאֲבַדְתֶּם מְהֵרָה מֵעַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר יְיָ נֹתֵן לָכֶם: וְשַׂמְתֶּם אֶת דְּבָרַי אֵלֶּה עַל לְבַבְכֶם וְעַל נַפְשְׁכֶם וּקְשַׁרְתֶּם אֹתָם לְאוֹת עַל יֶדְכֶם וְהָיוּ לְטוֹטָפֹת בֵּין עֵינֵיכֶם: וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם לְדַבֵּר בָּם בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ: וּכְתַבְתָּם עַל מְזוּזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ:

לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וִימֵי בְנֵיכֶם עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְיָ לַאֲבֹתֵיכֶם לָתֵת לָהֶם כִּימֵי הַשָּׁמַיִם עַל הָאָרֶץ:

וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר: דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם וְעָשׂוּ לָהֶם צִיצִת עַל כַּנְפֵי בִגְדֵיהֶם לְדֹרֹתָם וְנָתְנוּ עַל צִיצִת הַכָּנָף פְּתִיל תְּכֵלֶת וְהָיָה לָכֶם לְצִיצִת וּרְאִיתֶם אֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת יְיָ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם: לְמַעַן תִּזְכְּרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֹתָי וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים לֵאלֹהֵיכֶם: אֲנִי יְיָ אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לִהְיוֹת לָכֶם לֵאלֹהִים אֲנִי יְיָ אֱלֹהֵיכֶם. אֱמֶת:

הַמַּלְאָךְ הַגֹּאֵל אֹתִי מִכָּל רָע יְבָרֵךְ אֶת הַנְּעָרִים וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי וְשֵׁם אֲבֹתַי אַבְרָהָם וְיִצְחָק וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ:

אֵל אֱלֹהֵי הָרוּחוֹת שַׁלִּיט בָּעֶלְיוֹנִים וּבַתַּחְתּוֹנִים תֶּן בִּי כֹּחַ לַעֲבוֹדָתֶךָ וּלְיִרְאָתֶךָ וּלְתוֹרָתֶךָ שֶׁיְּקֻיַּם בִּי מִקְרָא שֶׁכָּתוּב בְּכָל עֵת יִהְיוּ

בְּגָדֶיךָ לְבָנִים. וְשֶׁמֶן עַל רֹאשְׁךָ אַל יֶחְסָר וְאֶהְיֶה כְּלִי מוּכָן לְקַבֵּל נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה אֲשֶׁר נָפַחְתָּ בִּי כְּדֵי שֶׁאַחֲזוֹר לֶעָתִיד לְמְקוֹר שֶׁהֶצַבְתָּ נַפְשִׁי וְרוּחִי וְנִשְׁמָתִי מִשָּׁם שֶׁלֹּא אֶכָּלֵם בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלֹא אֵבוֹשׁ לָעוֹלָם הַבָּא וְלִהְיוֹת מוּכָן וּמְזוּמָן מֵאוֹתָם הַנּוֹהֲלִים לַחֲזוֹת בְּנוֹעַם יְיָ וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אוֹמֵר כָּבוֹד אָמֵן:

אֲדוֹן עוֹלָם אֲשֶׁר מָלַךְ. בְּטֶרֶם כָּל יְצִיר נִבְרָא: לְעֵת נַעֲשָׂה בְחֶפְצוֹ. כֹּל אֲזַי מֶלֶךְ שְׁמוֹ נִקְרָא: וְאַחֲרֵי כִּכְלוֹת הַכֹּל. לְבַדּוֹ יִמְלוֹךְ נוֹרָא: וְהוּא הָיָה. וְהוּא הֹוֶה. וְהוּא יִהְיֶה בְּתִפְאָרָה: וְהוּא אֶחָד וְאֵין שֵׁנִי. לְהַמְשִׁיל לוֹ לְהַחְבִּירָה: בְּלִי רֵאשִׁית בְּלִי תַכְלִית. וְלוֹ הָעֹז וְהַמִּשְׂרָה: וְהוּא אֵלִי וְחַי גּוֹאֲלִי. וְצוּר חֶבְלִי בְּעֵת צָרָה: וְהוּא נִסִּי וּמָנוֹס לִי. מְנָת כּוֹסִי בְּיוֹם אֶקְרָא: בְּיָדוֹ אַפְקִיד רוּחִי בְּעֵת אִישַׁן וְאָעִירָה: וְעִם רוּחִי גְּוִיָּתִי. יְיָ לִי וְלֹא אִירָא:

# הנהגות ישרות לסעודה

די תְּפִלָּה זָאל מֶען זָאגֶען אֵיידֶער מֶען וַואשְׁט זִיךְ:

אַתָּה דוּ בִּיזְט גָאט דֶער הֶער דֶער דָא שְׁפַּייזְט אוּנ עֶרְנֶעהְרְט אוּנ נֶעטִינְט מִיט דַיינֶע גְנָאד אָן אַלֶע בֶּעשֶׁעפֶּענִישׁ פוּן גְרוֹס בִּיז קְלַיין דוּ בִּיזְט דֶער וָואס גִיבְט מִילְכִיגֶעס בְּרוֹט אָן נַיינֶע פְרוּמֶען. דוּ בִּיזְט דֶער דָא גֶעדֶענְקְט צוּ אֵייבִּיג זַיין בּוּנְד. דוּ בִּיזְט דֶער וָואס אַלֶע צוּ אִיהְם הָאפֶען אוּנ גִיבְּסְט זֵיי צוּ עֶסֶען אִיהְרֶע צַייט. דוּ עֶפֶענְסְט דַיינֶע הֶענְד אוּנ שְׁפַּייזְט אַלְץ וָואס דָא לֶעבְּט. דוּ בִּיזְט דֶער דָא גִיבְט שְׁפַּייז צוּ דִי הוּנְגֶעריגֶע אוּנ צוּ אַלֶע בֶּעשֶׁעפֶּענִישׁ דֶען דַיינֶע גְנָאד וֶוענֶען צוּ אֵייבִּיג:

וּבְכֵן נוּן לָאז עֶס בֶּעווִילִיגְט פוּן דִיר זַיין דוּ גָאט מַיין הֶער אוּנ הֶער פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶען. (הָיָה הֹוֶה וְיִהְיֶה) אֵייבִּיגֶער גָאט דָאס מִיר קִינְדֶער פוּן (אַבְרָהָם יִצְחָק אוּנ יִשְׂרָאֵל) דִי וָואס הָאפֶען שְׁטֶעטְס צוּ דַיינֶע הִילְף אוּנ הָאפֶען צוּ דַיין גְנָאד. וִויא דִי אוֹיגֶען פוּן אַיין קְנֶעכְט צוּ דִי הַאנְד זַיינֶעס הֶערֶען אוּנ וִויא אוֹיגֶען אַיינֶער דִינְסְט צוּ דִי הַאנְד אִיהְרֶער הֶערְשַׁאפְט אַזוֹי זֶענֶען אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען צוּ דִיר בִּיז דוּ זָאלְסְט אוּנְז לַייטְזֶעלִיגֶען דָאס אִיךְ אוּנ מַיין הוֹיזְגֶעזִינְד אוּנ אַלֶע דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל זָאלֶען זַיין אִין דֶעם כְּלָל פוּן רַחֲמִים אוּנ אִין כְּלַל פוּן חֵן אוּנ חֶסֶד. אוּנ דָאס דוּ זָאלְסְט אוּנְז גֶעבֶען אוּנְזֶער שְׁפַּייז פִיעל פָאלְקָאמֶען דָאס עֶס זָאל אוּנְז גִיט פֶעהְלֶען אִין שְׁפַּייז אוּנ אִין קְלֵיידוּנְג אוּנ לָאז אִין אוּנְז מְקוּיָם וֶוערֶען דַיין בְּרָכָה דָאס אַלְץ זָאל זַיין צוּ זֶעטִיגוּנְג אוּנ צוּ בְּרָכָה אוּנ צוּ לֶעבֶּען אוֹיךְ דֶער שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה אוֹיס דַיינֶער מִילְדֶע הַאנְד נִיט דוּרְךְ נוֹיט בֶּעדֶערְפוּנְג אַיין מֶענְשֶׁענְס נָאךְ לָאז אָן אוּנְז מְקוּיָם וֶוערֶען דֶער פָּסוּק אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעזֶעהְן אַיין פַארְלָאזֶענֶעם צַדִיק אוּנ זַיינֶע קִינְדֶער זוּכֶען בְּרוֹיט אָמֵן סֶלָה:

אוֹיךְ שְׁרַייבֶּען אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים ז"ל עֶער דֶעם סְעוּדָה פְלַייסִיג נִיאַרְט פַאר וָוארְט וָואס אַזוֹי בֶּעשֶׁערְט אִיהְם הַשי"ת זַיינֶע מְזוֹנוֹת אָהְן צַער אוּנ עֶר וֶוערְט בֶּעשֶׁערְעמְט פוּן דֶעם גִיהִנֹם

ווייל דריגען שטעהט „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע" דאס איז טייטש ווען איך זאל שוין געהן אין דעם גיהנם דאס הייסט צלמות אזוי פערכט איך מיך ניט פאר קיינעם (כי אתה עמדי) דען דו גאט ביזט מיט מיר ובפרט דעם מזמור האט דוד המלך ע"ה געזאגט ווי ער איז געווען אין וואלד (חרת) אונ האט נישט געהאט צו עסען אונ צו טרונקען דאס זיין נשמה איז איהם באלד אויסגעגאנגען האט גאט איהם געגעבען איין געשמאק פון עוה"ב האט עס איהם געזעטיגט האט ער דרוף דעם מזמור געמאכט וועגען די גרויסע פערזיכערונג וואס ער האט אן גאט:

מען זאל זעהר גזהר זיין דאס מען זאל זיך רעכט וואשען צום עסען אונזערע חכמים שרייבען ווער עס וואשט זיך גיט צום עסען ווערט פארארומט" אונ זיי געבען אונז איין סימן על נטילת ידים מאכען די ערשטע אותיות ענ"י. אבער ווער עס וואשט זיך ריינע הענד מיט פיעל וואסער דעם גיבט הקב"ה פיעל גוטס:

# מטעמי יצחק!

## ענייני נטילת ידים.

(אינהאלט פון נטילת ידים הענד וואשען).

א) טעם וואס „על נטילת ידים" מאכט מען נאכ'ן וואשען, וואנאר ביי אלע מצות מאכט מען דאך די ברכה פאר'ן טהון די מצוה, ווייל עס קען דאך א מאל טרעפען אז די הענד זענען נישט ריין, און קען פריהער די ברכה נישט מאכען. דארום האט מען מתקן געווען מען זאל שטענדיג מאכען נאכדעם (טור).

ב) נאך א טעם איז, ווייל די ברכה מאכט מען דאך פאר'ן אבווישען די הענד, הייסט עס ריכטיג פאר'ן טהון די מצוה, ווי רבי אבהו זאגט (סוטה ד): ווער עס עסט און ווישט נישט אב די נאסע הענד איז ווי ער וואלט' עסען טמא (אונריינע) ברויט. (און בשעת מען וואשט זיך זאל מען זאגען: „רבון כל העולמים מלא ידי מברכותיך" (העלף פון אלע וועלטען גיב מיר פולע הענד פון דיינע ברכות) דען אזוי ווערד דערצעהלט: רבי שמעון בן יוחאי האט געטראפען רבי אליעזר'ן ער וואשט גוט די הענד (מיט א סך וואסער) האט ער אויף איהם געבענטשען און געזאגט: העלף פון אלע וועלטען גיב איהם פולע הענד פון דיינע ברכות, איז ער פון דעם טאג אן רייך געווארען (מעבר יבוק שפתי רננות פ' י"ט).

ג) טעם וואס די חכמים האבען משער געווען אז א הפסק צווישען וואשען זיך און „המוציא" מאכען איז אזוי לאנג ווי עס דויערט אבגעהן צוויי און צוואנציג איילען, ווייל די גמרא זאגט: „גלייך ווי מען וואשט זיך דארף מען מאכען „המוציא" און גלייך ווי מען לעהנט זיך אן אויפ'ן קרבן דארף מען איהם באלד שעכטען". די ביידע זאכען שטעהען איינע נעבען די אנדערע זיי צו פערגלייכען, און ביי דעם קרבן פון א „מצורע" האט דאך געמוזט דויערען פון די צייט וואס ער האט זיך אנגעלעהנט אויפ'ן קרבן ביז מען האט איהם געשאכטען אזוי לאנג ווי עס דויערט געהן צוויי און צוואנציג איילען. דען דער מצורע האט זיך דאך געמוזט אנלעהנען אויפ'ן קרבן פאר'ן טויער פון „נקנור", ווייל ער האט נישט געטארט אריינגעהן אין די עזרה, און פון דארט צום מזבח, וואו מען האט געבראכט פיהרען דעם קרבן איז געווען צוויי און צוואנציג איילען (מ"א, ט"ז. מחצית השקל).

ד) טַעַם וָואס צוּ בְּרוֹיט דַארְף מֶען זִיךְ וַואשֶׁען, אִיז וַוייל דִי הֶענְד זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג ווי שֵׁנִי לְטוּמְאָה (וַוי דָאס וָואס רִיהְרְט זִיךְ אָן דֶעם וָואס הָאט זִיךְ אָנגֶערִיהְרְט אָן אַ טָמֵא זַאךְ) אִין אַזוֹי וַוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי „תְּרוּמָה" אַז זִי רִיהְרְט זִיךְ אָן אָן אַ „שֵׁנִי לְטוּמְאָה" אִין דֶעם אוֹיךְ אוּנגֶעוַואשֶׁענֶע הֶענְד וֶוערְט זִי פָּסוּל, הָאבֶּען דִי חֲכָמִים דָאס זֶעלְבֶּע מְתַקֵן גֶעוֶועזֶען זִיךְ צוּ וַואשֶׁען אוֹיף „חוּלִין" (אַלְגֶעמֵיינֶע בְּרוֹיט) אוֹיךְ.

ה) טַעַם וָואס דִי „הַמוֹצִיא" מַאכְט מֶען אוֹיף דִי זַייט פוּן בְּרוֹט וָואס הָאט זִיךְ פְרִיהֶער גֶענוּמֶען בַּאקֶען, וַוייל עַל פִּי קַבָּלָה לִיגְט אִין דִי עֶרְשְׁט גֶעבַּאקֶענֶע מֶעהְר דֶער כֹּחַ פוּן יֵצֶר הָרָע, דַארוּם דַארְף מֶען עֶס מְבַטֵל זַיין, בֶּעזַייטִיגֶען דֶעם כֹּחַ אִין הֵיילִיגֶען מִיט דִי בְּרָכָה (יערות דבש ח"ש).

ו) טַעַם וָואס „הַמוֹצִיא" הָאט מֶען מְתַקֵן גֶעוֶוען צוּ מַאכֶען מִיט אַ „הא" (נִישְׁט מוֹצִיא. נָאר „הַמוֹצִיא") וָואס הָאט דִי בֶּעדַייטוּנְג פוּן שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ, ד. ה. אִין דִי צוּקוּנְפְט וֶועט עֶר אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעבֶּען בְּרוֹט פוּן דֶער עֶרְד, אוּן בַּיי „בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה" זָאגְט מֶען נִישְׁט הַבּוֹרֵא. נָאר „בּוֹרֵא". אָהְן אַ הא. וַוייל דִי חֲכָמִים הָאבֶּען גֶעזָאגְט אַז. „אִין מְשִׁיחַ'ס צַייט וֶועט דִי עֶרְד אַרוֹיסְגֶעבֶּען פַארְטִיגֶע גֶעבֶּעקְס". אוּן דֶערִיבֶּער טַאקֶע זָאגֶען מִיר אִין „הַמוֹצִיא" אוֹיךְ דָאס וָוארְט „לֶחֶם" נִישְׁט דָגָן, וָואגַאר אַרָאבְּגֶעהֶעמֶענְדִיג פוּן פֶעלְד אִיז עֶס דָאךְ הֵיינְט נָאר תְּבוּאָה נִישְׁט קֵיין בְּרוֹיט, וַוייל דָאס גֶעהְט אוֹיף שְׁפֶּעטֶער (עטרת זקנים).

ז) טַעַם וָואס אוֹיף אַ מַצָּה, וַוי קִדוּשׁ מַאכֶען, קֶען מוֹצִיא זַיין אַנְדֶערֶע אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט שׁוֹין אַלֵיין יוֹצֵא גֶעוֶועזֶען מִיט קִדוּשׁ, אוּנ בַּיים עֶסֶען קֶען אֵיינֶער נִישְׁט מוֹצִיא זַיין אַנְדֶערֶע מִיט „הַמוֹצִיא" אָדֶער אַנְדֶערֶע בְּרָכוֹת סַיידֶען נָאר אַז עֶר עֶסְט אַלֵיין. וַוייל מִצְוֹת זֶענֶען אַלֶע יוֹדֶען מְחוּיָב מְזַכֶּה צוּ זַיין אוֹיךְ דֶעם אַנְדֶערֶען מִיט אַ מִצְוָה. אִיבֶּער דֶעם אִיז זָאגַאר הָאט שׁוֹין אַלֵיין פַיר זִיךְ יוֹצֵא גֶעוֶועזֶען הָאט עֶר נָאךְ אָבֶּער פַאר'ן אַנְדֶערֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען, אָבֶּער עֶסֶען אִיז דָאךְ נִישְׁט קֵיין חִיוּב עֶר זָאל זַיי מְזַכֶּה זַיין מִיט עֶסֶען, נָאר אַז מֶען עֶסְט דַארְף מֶען מַאכֶען אַ בְּרָכָה (לבוש קס"ז).

ח) טַעַם וָואס דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט נִזְהָר בַּיי יֶעדֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ מְכַבֵּד צוּ זַיין פְרִיהֶער דֶעם כֹּהֵן, וַוייל מִיר זֶענֶען הַיינְט נִישְׁט קְלָאר אִין יחוס פוּן דִי כֹּהֲנִים (מ"א ר"א סק"ד).

ט) טַעַם וָואס אוֹיף דִי פִינְף מִינִים: גֶפֶן, תְּאֵנָה, רִימוֹן, זַיִת אוּן תְּמָרָה (וַויין פֵייג, גְרַאנַאטֶעפֶּעל, אֵיילְבֶּעֶר אוּן טֵייטֶעל) מַאכְט מֶען נָאכְהֶער „עַל הַמִחְיָה" דִי בְּרָכָה וָואס עֶנְטְהַאלְט אִין קוּרְצֶען דִי דְרַיי בְּרָכוֹת פוּן בֶּענְטְשֶׁען. כְּדֵי אָבְּצוּגֶעבֶּען כָּבוֹד אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע לַאנְד וָואס אִיז מִיט דִי פְּרוּכְטֶען גֶערִימְט גֶעוֶועזֶען (ט"ז ר"ח, תולעת יעקב).

מֶען זָאל זֶעהְן פַאר דֶעם וַואשֶׁען עֶס זָאל אַלְץ זַיין אוֹיף דֶעם טִישׁ וָואס מֶען בְּרוֹיךְ צוּ דֶער הַמוֹצִיא דְהַיְינוּ בְּרוֹיט אוּנ זַאלְץ אוּן אַיין מֶעסֶער כְּדֵי עֶר זָאל נִיט בֶּעדַארְפֶען מַפְסִיק צוּ זַיין צְווִישֶׁען דִי בְּרָכָה נְטִילַת יָדַיִם אוּן צְווִישֶׁען בִּרְכַּת הַמוֹצִיא. אוּן צוּם וַואשֶׁען זָאל עֶר דָאס כְּלִי מִיט וַואסֶער נֶעמֶען אִין זַיין רֶעכְטֶע הַאנְד אוּן זָאל עֶס גֶעבֶּען אִין זַיין לִינְקֶע הַאנְד. אוּן דֶער נָאךְ זָאל עֶר דִי הֶענְד וַואשֶׁען. אוּן אֵיידֶער עֶר טְרוּקֶענְט זִיךְ אָפּ זָאל עֶר דִי הֶענְד צוּ אַנַאנְדֶער הַאלְטֶען גְלַייךְ אַלְס אֵיינֶער ווִיל וָואס מְקַבֵּל זַיין פוּן זַיין חָבֵר אוּן זָאל זָאגֶען דָאס:

שְׂאוּ יְדֵיכֶם קוֹדֶשׁ וּבָרְכוּ אֶת יְיָ: וְאֶשָּׂא כַפַּי אֶל מִצְוֹתֶיךָ אֲשֶׁר אָהָבְתִּי וְאָשִׂיחָה בְחוּקֶּיךָ:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת יָדָיִם:

מִזְמוֹר לְדָוִד יְיָ רוֹעִי לֹא אֶחְסָר: בִּנְאוֹת דֶּשֶׁא יַרְבִּיצֵנִי עַל מֵי מְנוּחוֹת יְנַהֲלֵנִי: נַפְשִׁי יְשׁוֹבֵב יַנְחֵנִי בְמַעְגְּלֵי צֶדֶק לְמַעַן שְׁמוֹ: גַּם כִּי אֵלֵךְ בְּגֵיא צַלְמָוֶת לֹא אִירָא רָע כִּי אַתָּה עִמָּדִי שִׁבְטְךָ וּמִשְׁעַנְתֶּךָ הֵמָּה יְנַחֲמֻנִי: תַּעֲרוֹךְ לְפָנַי שֻׁלְחָן נֶגֶד צוֹרְרָי דִּשַּׁנְתָּ בַשֶּׁמֶן רֹאשִׁי כּוֹסִי רְוָיָה: אַךְ טוֹב וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי כָּל יְמֵי חַיָּי וְשַׁבְתִּי בְּבֵית יְיָ לְאוֹרֶךְ יָמִים:

---

# „מקור–המנהגים"

## עִנְיָנֵי בְּצִיעַת הַפַּת.

### א.

טַעַם וָואס מֶען דַארְף אַיינְטוּנְקֶען דִי הַמּוֹצִיא אִין זַאלְץ, ווייל דֶער טִישׁ אִיז גְלַייךְ צוּ אַ מִזְבֵּחַ און דאס עֶסֶען אִיז ווִי אַ קָרְבָּן און עֶס שְׁטֶעהְט אִין פָּסוּק, „עַל כָּל קָרְבָּנְךָ תַּקְרִיב מֶלַח" (אוֹיף יֶעדֶען קָרְבָּן זָאלְסְטוּ אָפְּפֶערֶען זַאלְץ). און דָאס אִיז גּוּגִין, שִׁיצְט דֶעם מֶענְשׁ פוּן פּוּרְעָנִיּוֹת (רמ"א קס"ז), און מֶען אִיז זִיךְ נוֹהֵג אַיינְצוּטוּנְקֶען דִי „הַמּוֹצִיא" דְרַיי מָאל אִין זַאלְץ ווייל דֶער שֵׁם הוי"ה ווָאס אִין דִי בְּרָכָה בֶּעטְרֶעפְט: כ"ו, און דְרַיי מָאל כ"ו בֶּעטְרֶעפְט ווִי דִי צָאהְל פוּן דִי אוֹתִיּוֹת ווָאס אִין דָאס ווָארְט „מֶלַח". און אִין דֶעם אִיז בֶּעהַאלְטֶען אַ גְרוֹיסֶער סוֹד. און מֶען דַארְף לָאזֶען דִי זַאלְץ אוֹיפְ'ן טִישׁ בִּיז נָאכְ'ן בֶּענְטְשֶׁען (קצור של"ה). און דֶער כָּל בּוֹ זָאגְט: ס'אִיז אַיינְגֶעפִיהְרְט בַּיי כָּל יִשְׂרָאֵל נִישְׁט צוּ גֶעבֶּען קֵיין בְּהֵמָה חַיָּה אִין אַ עוֹף, אוֹיךְ אַ נִישְׁט־יוּדֶען, פוּן דִי שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט ווָאס אָן אִיהְר הָאט זִיךְ אָנְגֶערִיהְרְט דֶער פֶּענֶעץ ווָאס אִיבֶּער אִיהם הָאט מֶען גֶעמַאכְט „הַמּוֹצִיא" (עֶעה ב"י קס"ז, מחצית השקל).

דֶער נָאךְ מַאכְט מֶען דִיא בְּרָכָה:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם הַמּוֹצִיא לֶחֶם מִן הָאָרֶץ:

אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָאבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען דְרַיי זַאכֶען דִי דֶער לֶענְגֶערֶען דֶעם מֶענְטְשׁ זַיינֶע טֶעג. אֵיינְס אִיז פוּן דִי דְרַיי זַאכֶען ווֶער דָא לַאנְג זִיצְט בַּיי זַיין טִישׁ. אִיז דֶער טַעַם כְּדֵי עֶס זָאל קוּמֶען אָרוּמֶע לַייט און דָאס צֵר זַיי אוֹיךְ פוּן זַיין עֶסֶען גֶעבֶּען. דָאס זֶעלְבִּיגֶע אִיז אַיין גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

נָאר מֶען מוּז נִזְהָר זַיין וֶוען מֶען גִיבְּט זַיי צוּ עֶרְמַאנֶען זַיי דָאס זֵיי זִיךְ אוֹיךְ זָאלֶען דִי הֶענְד וַואשֶׁען אוּן בְּרָכוֹת מַאכֶען צוּם עֶסֶען:

# סדר ברכת המזון.

אִין דֶער וָואכֶען זָאגְט מֶען דָאס:

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ גַּם בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת צִיּוֹן: עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנּוֹרוֹתֵינוּ: כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי שִׁיר וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: אֵיךְ נָשִׁיר אֶת שִׁיר יְיָ עַל אַדְמַת נֵכָר: אִם אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי אִם לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכוֹר יְיָ לִבְנֵי אֱדוֹם אֶת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם הָאוֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם לָךְ אֶת גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת עוֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

ר״ח שַׁבָּת וויט זָאגְט מֶען דָאס:

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת בְּשׁוּב יְיָ אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן הָיִינוּ כְּחוֹלְמִים: אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה: אָז יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם הִגְדִּיל יְיָ לַעֲשׂוֹת עִם אֵלֶּה: הִגְדִּיל יְיָ לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ הָיִינוּ שְׂמֵחִים: שׁוּבָה יְיָ אֶת שְׁבִיתֵנוּ כַּאֲפִיקִים בַּנֶּגֶב: הַזּוֹרְעִים בְּדִמְעָה בְּרִנָּה יִקְצוֹרוּ: הָלוֹךְ יֵלֵךְ וּבָכֹה נוֹשֵׂא מֶשֶׁךְ הַזָּרַע בֹּא יָבֹא בְרִנָּה נוֹשֵׂא אֲלֻמּוֹתָיו:

## מים חיים.

מַעֲשֶׂה נוֹרָא מהאר״י הַקָּדוֹשׁ זי״ע ועכ״י.

עֶס הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפֶען אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב ר׳ מֹשֶׁה קוֹרְדְוִוירִי. אִיז גֶעקוּמֶען צוּם ר״י הַקָּדוֹשׁ דֶער ר״י הַקָּדוֹשׁ הָאט אִיהְם צוּ גֶענוּמֶען מִיט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים. אוּנ הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל בַּיי אִיהְם עֶסֶען. וֶוען זֵיי הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען הָאט דֶער ר״י הַקָּדוֹשׁ גֶעזֶעהֶן אַז עֶר עֶסְט נִיט וִוי אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְשׁ נָאר וִוי אַ שְׁוַואכֶער אוּנ עֶר הָאט שְׁמֶערְצֶען אוֹיף אֵיין אֵבֶר (גְלִיעד). דֶער ר״י ז״ל הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט פַאר וָואס עֶר עֶסְט נִיט. הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעזָאגְט דֶער אַקְסִיל פוּן דִי רֶעכְטֶע הַאנְד אִיז אִיהְם קְרַאנְק אוּנ עֶר הָאט פוּן דֶעם אַקְסֶעל גְרוֹיסֶע יְסוּרִים שׁוֹין פוּן עֶטְלִיכֶע וָואכֶען. דֶער ר״י ז״ל הָאט אוֹיף אִיהְם אַ קוּק גֶעטְהוּן הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ אִיהְם דִי יְסוּרִים זֶענֶען דִיר גֶעקוּמֶען ווייל דוּ הָאסְט גִיזֶערֶעדְט פַאר רִיטֶם בְּשַׁעַת נָאכְדֶעם וִוי דוּ הָאסְט גֶעוַואשֶׁען דִי הֶענְד מִיט מַיִם אַחֲרוֹנִים. הָאט דֶער

תַּלְמִיד גֶעזָאגְט עֶס אִיז אֱמֶת נָאךְ מַיִם אַחֲרוֹנִים-פַאר דֶעם בֶּענְטְשֶׁען לֶערֶען אִיךְ מִשְׁנָיוֹת ווייל מֶען דארף לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶוען מֶען עֶסְט. הָאט דֶער ר"י ז"ל צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט מֶען דארף לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין עֶסֶען פַאר מַיִם אַחֲרוֹנִים. אָבֶּער צְווִישֶׁען מַיִם אַחֲרוֹנִים אוּנ בֶּענְטְשֶׁען טָאר מֶען נָאר נִיט רֶעדֶען אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט תּוֹרָה אוֹיךְ נִיט. אוּנ ווייל דִי גְמָרָא זָאגְט תֵּכֶף לִנְטִילָה בְּרָכָה בַּאלְד נָאךְ וַואשֶׁען דִי הֶענְד מִיט מַיִם אַחֲרוֹנִים זָאל מֶען בֶּענְטְשֶׁען אוּנ דוּ הָאסְט נִיט אַזוֹי גֶעטְהוּן אִיז בַּיי דִיר גֶעוָוארֶען פוּן וָוארְט תֵּכֶף (בַּאלְד) כֶּתֶף (אֵיין אַקְסִיל) דְרִיבֶּער הָאסְטוּ יִסוּרִים פוּן דֶעם אַקְסִיל. דֶער תַּלְמִיד הָאט בַּאלְד גֶעטְהוּן תְּשׁוּבָה אוּנ הָאט גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ עֶר זָאל נִיט מֶעהְר לֶערְנֶען צְווִישֶׁען מַיִם אַחֲרוֹנִים אוּנ בֶּענְטְשֶׁען אִיז עֶר בַּאלְד גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם קֶענֶען מִיר זֶעהְן מַאדְאךְ תּוֹרָה טָאר מֶען נִיט לֶערְנֶען נָאךְ מַיִם אַחֲרוֹנִים אַז מֶען רֶעד פְּרָאסְטֶע רֵייד נָאךְ מַיִם אַחֲרוֹנִים אִיז גֶעוִויס אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען. אוּנ דֶער מֶענְשׁ וָואס בֶּענְטְשְׁט מִיט כַּוָּונָה וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערֶען וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה וֶועט בֶּענְטְשֶׁען (וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען) נָאךְ דִי סְעוּדָה וָואס הקב"ה וֶועט מַאכֶען פַאר דִי צַדִּיקִים:

---

פַאר דֶעם בֶּענְטְשֶׁען זָאל מֶען דִי הֶענְד וַואשֶׁען אוּנ מַאכְט קֵיין בְּרָכָה אוּנ דָאס וַואסֶער וָואס מֶען וַואשְׁט הֵייסְט מַיִם אַחֲרוֹנִים אוּנ מוּז דַוְקָא אִיבֶּער אֵיין כְּלִי וַואשֶׁען אָבֶּער נִיט אוֹיף בְּלוֹיסֶע עֶרְד. אָבֶּער וֶוען דִי שְׁטוּב גֶעפְּלַאסְטֶערְט אָדֶער גֶעבְּרֶעטֶערְט אִיז קָאן מֶען זִיךְ וואהְל וַואשֶׁען נָאר מֶען דארף נִיט דַארִיבֶּער גֵעהְן. אוּנ זָאגְט בַּיי דֶעם וַואשֶׁען:

## זֶה חֵלֶק אָדָם רָשָׁע מֵאֱלֹהִים וְנַחֲלַת אִמְרוֹ מֵאֵל:

תֵּיכֶף נָאךְ דֶעם הַאנְד וַואשֶׁען צוּ מַיִם אַחֲרוֹנִים זָאל מֶען בֶּענְטְשֶׁען אוּנ נִיט פִיעל זוֹימֶען:

עֶס אִיז אֵיין מִצְוָה דָאס מֶען זָאל הוֹיךְ בֶּענְטְשֶׁען וֶוען מֶען שׁוֹין נִיט מְזוּמָן בֶּענְטְשׁ דַאמִיט דָאס זַיין גֶעזִינְד זָאלֶען מִיט בֶּענְטְשֶׁען אוּנ אָמֵן זָאגֶען אוֹיף דִי בְּרָכוֹת אוּנ אוֹיךְ יֶעדֶען הָרַחֲמָן:

וֶוער דָא ווייל רֶעכְט יוֹצֵא זַיין זָאל אִינְוֶוענְדִיג בֶּענְטְשֶׁען וָוארְט בַּיי וָוארְט אוּנ נִיט גֶעשְׁווִינְד דָאס מֶען הַשֵּׁי"ת רֶעכְט דַאנְקֶען אוּנ לוֹיבֶּען זָאל אוּם זַיין טוֹבָה דִי עֶר דֶעם בֶּן אָדָם גֶעגֶעבֶּען הָאט זַיין שְׁפַּייז:

וֶוען מֶען אֵיינֶעם מְזוּמָן גִיבְט צוּ בֶּענְטְשֶׁען אוּנ עֶר נֶעמְט דָאס כּוֹס שֶׁל בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין דִי הֶענְד זָאל עֶר דִיעזֶען פָּסוּק זָאגֶען:

## כּוֹס יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא וּבְשֵׁם יְיָ אֶקְרָא:

אֵיידֶער מֶען בֶּענְטְשׁ עֶס מָאג אֵיינֶער אַלֵיין בֶּענְטְשֶׁען אָדֶער מִיט מְזוּמָן זָאל עֶר דָאס זָאגֶען מִיט כַּוָּונָה:

אֲבָרְכָה אֶת יְיָ בְּכָל עֵת תָּמִיד תְּהִלָּתוֹ בְּפִי: סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹהִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר כִּי זֶה כָּל הָאָדָם: תְּהִלַּת יְיָ יְדַבֶּר פִּי וִיבָרֵךְ כָּל בָּשָׂר שֵׁם קָדְשׁוֹ לְעוֹלָם וָעֶד: וַאֲנַחְנוּ נְבָרֵךְ יָהּ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם הַלְלוּיָהּ: וַיְדַבֵּר אֵלַי זֶה הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר לִפְנֵי יְיָ:

לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ עַל יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל: הִנְנִי מוּכָן וּמְזוּמָן לְקַיֵּים מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁל בִּרְכַּת הַמָּזוֹן

כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת יְיָ אֱלֹהֶיךָ עַל הָאָרֶץ הַטּוֹבָה אֲשֶׁר נָתַן לָךְ׃

ווען מען וויל מזומן בענטשען זאגט מען אזוי׃

רַבּוֹתַי מִיר וֶועלֶען בֶּענְטְשֶׁען׃

זא ענטפערען איהם די דא אן טיש זיצען׃

יְהִי שֵׁם יְיָ מְבֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם׃

דער נאך נעמט מען אזוי רשות דהיינו ווען מען איבער זיין פאטערס טיש זיצט זאגט מען אזוי׃

בִּרְשׁוּת אַבָּא מוֹרִי בַּעַל הַבַּיִת וְרַבּוֹתַי נְבָרֵךְ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ׃

דא ענטפערען איהם די דא אן טיש זיצען׃

בָּרוּךְ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ׃

ווען זיין עלטער פאטער אויך אן טיש זיצט זא זאגט מען אזוי׃

בִּרְשׁוּת אַבָּא מוֹרִי בַּעַל הַבַּיִת. וְאַבָּא מוֹרִי זְקֵנִי וְרַבּוֹתַי׃

ווען רבנים אן טיש זיצען נעמט מען אויך רשות פון זייא און זאגט׃

בִּרְשׁוּת אַבָּא מוֹרִי בַּעַל הַבַּיִת. וְאַבָּא מוֹרִי זְקֵנִי. וּמָרָנָן וְרַבָּנָן וְרַבּוֹתַי׃

ווען מנין אן טיש איזט דהיינו צעהן לייטע זאגט מען דאס נאך רשות׃

נְבָרֵךְ לֵאלֹהֵינוּ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ׃

און די וואס אן טיש זיצען ענטפערען׃

בָּרוּךְ אֱלֹהֵינוּ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ׃

און דער וואס מזומן בענשט זאגט אויך׃

בָּרוּךְ אֱלֹהֵינוּ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ׃

ווען מען אן מזומן און אן מנין בענשט הייבט מען אן ברוך אתה׃

בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ׃

# בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם הַזָּן אֶת הָעוֹלָם כֻּלּוֹ בְּטוּבוֹ בְּחֵן בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים הוּא נוֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. וּבְטוּבוֹ הַגָּדוֹל תָּמִיד לֹא חָסַר לָנוּ

פירוש ע"ט

גריך געלויבט ביסטו גאט אונזער גאט דער מלך פון דער וועלט הזן וואס שפייזט די גאנצע וועלט מיט זיין גוטקייט אונ מיט ליעבשאפט מיט גענאד אונ מיט דערבארימקייט הוא ער גיט ברויט צו אלע בעשעפעניש דען זיין חסד איז ביז אייביג ובטובו אונ מיט זיין גרויס

# וְאַל יֶחְסַר לָנוּ מָזוֹן לְעוֹלָם וָעֶד: בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל כִּי הוּא אֵל זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל וּמֵטִיב לַכֹּל וּמֵכִין מָזוֹן לְכָל בְּרִיּוֹתָיו אֲשֶׁר בָּרָא: כָּאָמוּר פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ הַזָּן אֶת הַכֹּל:

## נוֹדֶה לְּךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ עַל שֶׁהִנְחַלְתָּ לַאֲבוֹתֵינוּ אֶרֶץ חֶמְדָּה טוֹבָה וּרְחָבָה וְעַל שֶׁהוֹצֵאתָנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וּפְדִיתָנוּ מִבֵּית עֲבָדִים וְעַל בְּרִיתְךָ שֶׁחָתַמְתָּ בִּבְשָׂרֵנוּ וְעַל תּוֹרָתְךָ שֶׁלִּמַּדְתָּנוּ וְעַל חֻקֶּיךָ שֶׁהוֹדַעְתָּנוּ

פירוש ע"ט

גְרויס גוּטְקֵייט הָאט אַלֶע צַייט נִיט גֶעפֶעהְלְט אוּנְזֶער בֶּעדֶערְפִינִיש בֶּעטֶען מִיר דִיךְ גָאט הַיינְט אוֹיךְ עֶס זָאל אוּנְז נִיט גֶעמִינֶערְט וֶוערֶען קֵיין שְׁפַּייז צוּ אֵייבִּיגֶע צַייט פוּן וֶועגֶען דַיין גְעאַכְפֶּערְטֶען נָאמֶען כִּי דֶען עֶר אִיז אַ גָאט וָואס עֶר שְׁפַּייזְט אוּנ דֶערְנֶערְט אוּנ טְהוּט בַּאגִיטֶען צוּ אַלֶע אוּנ בְּרֵייט אָן שְׁפַּייז צוּ אַלֶע זַיינֶע בֶּעשֶׁעפֶּענִישׁ וָואס עֶר הָאט בֶּעשַׁאפֶען בָּרוּךְ גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ גָאט וָואס שְׁפַּייזְט אַלֶע:

נוֹדֶה מִיר דַאנְקֶען דִיר גָאט אוּנְזֶער גָאט אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַרְבֶּען צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן דָאס גְלִיסְטִיגֶע אוּנ דָאס בְּרֵייטֶע לַאנְד אוֹיךְ דַאנְקֶען מִיר דִיר גָאט וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז אוֹיס גֶעצוֹיגֶען פוּן מִצְרַיִם אוּנ הָאסְט אוּנְז אוֹיס גֶעלֵייזְט פוּן דֶעם הוֹיז וָואס מִיר זַיינֶען דָארְט גֶעוֶועןְ קְנֶעכְט אוּנ אוֹיף דֶעם בְּרִית פוּן מִילָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעחַתְמְט

וְעַל חַיִּים חֵן וָחֶסֶד שֶׁחוֹנַנְתָּנוּ וְעַל אֲכִילַת מָזוֹן שָׁאַתָּה זָן וּמְפַרְנֵס אוֹתָנוּ תָּמִיד בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה:

חֲנֻכָּה אונ פּוּרִים זָאגְט מֶען דָא עַל הַנִּסִּים:

עַל הַנִּסִּים וְעַל הַפּוּרְקָן וְעַל הַגְּבוּרוֹת וְעַל הַתְּשׁוּעוֹת וְעַל הַמִּלְחָמוֹת שֶׁעָשִׂיתָ לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם בִּזְּמַן הַזֶּה:

אום חֲנוּכָּה זָאגְט מֶען דָאס:

בִּימֵי מַתִּתְיָהוּ בֶּן יוֹחָנָן כֹּהֵן גָּדוֹל חַשְׁמוֹנָאִי וּבָנָיו כְּשֶׁעָמְדָה מַלְכוּת יָוָן הָרְשָׁעָה עַל עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל לְהַשְׁכִּיחָם תּוֹרָתֶךָ. וּלְהַעֲבִירָם מֵחֻקֵּי רְצוֹנֶךָ וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים עָמַדְתָּ לָהֶם בְּעֵת צָרָתָם רַבְתָּ אֶת רִיבָם דַּנְתָּ אֶת דִּינָם נָקַמְתָּ אֶת נִקְמָתָם מָסַרְתָּ גִּבּוֹרִים בְּיַד חַלָּשִׁים וְרַבִּים בְּיַד מְעַטִּים וּטְמֵאִים בְּיַד טְהוֹרִים· וּרְשָׁעִים בְּיַד צַדִּיקִים וְזֵדִים בְּיַד עוֹסְקֵי תוֹרָתֶךָ: וּלְךָ עָשִׂיתָ שֵׁם גָּדוֹל וְקָדוֹשׁ בְּעוֹלָמֶךָ וּלְעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל עָשִׂיתָ תְּשׁוּעָה גְדוֹלָה וּפוּרְקָן כְּהַיּוֹם הַזֶּה וְאַחַר כַּךְ בָּאוּ בָנֶיךָ לִדְבִיר בֵּיתֶךָ וּפִנּוּ אֶת הֵיכָלֶךָ וְטִהֲרוּ אֶת מִקְדָּשֶׁךָ וְהִדְלִיקוּ נֵרוֹת בְּחַצְרוֹת קָדְשֶׁךָ וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה אֵלּוּ לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל:

אום פּוּרִים זָאגְט מֶען דָאס:

בִּימֵי מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה כְּשֶׁעָמַד עֲלֵיהֶם הָמָן הָרָשָׁע בִּקֵּשׁ לְהַשְׁמִיד לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד אֶת כָּל הַיְּהוּדִים מִנַּעַר וְעַד זָקֵן טַף וְנָשִׁים בְּיוֹם אֶחָד בִּשְׁלֹשָׁה עָשָׂר לְחוֹדֶשׁ שְׁנֵים עָשָׂר הוּא חוֹדֶשׁ אֲדָר וּשְׁלָלָם לָבוֹז וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים הֵפַרְתָּ אֶת עֲצָתוֹ וְקִלְקַלְתָּ אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ וַהֲשֵׁבוֹתָ לּוֹ גְּמוּלוֹ בְּרֹאשׁוֹ וְתָלוּ אוֹתוֹ וְאֶת בָּנָיו עַל הָעֵץ:

משכבכם ודומו סלה: רגזו ואל תחטאו אמרו
בלבבכם על משכבכם ודומו סלה:

אדון עולם אשר מלך. בטרם כל יציר נברא: לעת נעשה בחפצו כל. אזי
מלך שמו נקרא: ואחרי ככלות הכל. לבדו ימלוך נורא: והוא היה. והוא

פירוש ע״ט

זאל דיך בענליקען אונ בעהיטען זיין פנים זאל דיר לייכטען אונ ער זאל דיר פריינטליך
זיין אונ פרידען פערשאפען. דער היטער פון ישראל שלאפט ניט אונ שלומערט ניט.
לישועתך אויף דיין הילף האב איך. בשם יי אלהי ישראל נאמען בעשיצט מיך אין
מיין רעכטע זייט איז מיכאל אין דער לינקע האנד גבריאל פאר מיר אוריאל אונטער מיר
רפאל אונ איבער מיין קאפ איז גאטס הערליכקייט:

הוֶֹה. וְהוּא יִהְיֶה בְּתִפְאָרָה: וְהוּא אֶחָד וְאֵין שֵׁנִי. לְהַמְשִׁיל לוֹ לְהַחְבִּירָה:
בְּלִי רֵאשִׁית בְּלִי תַכְלִית. וְלוֹ הָעֹז וְהַמִּשְׂרָה: וְהוּא אֵלִי וְחַי גּוֹאֲלִי. וְצוּר חֶבְלִי
בְּעֵת צָרָה: וְהוּא נִסִּי וּמָנוֹס לִי. מְנָת כּוֹסִי בְּיוֹם אֶקְרָא: בְּיָדוֹ אַפְקִיד רוּחִי
בְּעֵת אִישַׁן וְאָעִירָה: וְעִם רוּחִי גְוִיָּתִי. יְיָ לִי וְלֹא אִירָא:

---

אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ בַּעֲצַת רְשָׁעִים וּבְדֶרֶךְ
חַטָּאִים לֹא עָמָד וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב: כִּי
אִם בְּתוֹרַת יְיָ חֶפְצוֹ וּבְתוֹרָתוֹ יֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה: וְהָיָה
כְּעֵץ שָׁתוּל עַל פַּלְגֵי מָיִם אֲשֶׁר פִּרְיוֹ יִתֵּן בְּעִתּוֹ וְעָלֵהוּ
לֹא יִבּוֹל וְכֹל אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה יַצְלִיחַ: לֹא כֵן הָרְשָׁעִים כִּי
אִם כַּמֹּץ אֲשֶׁר תִּדְּפֶנּוּ רוּחַ: עַל כֵּן לֹא יָקֻמוּ רְשָׁעִים
בַּמִּשְׁפָּט וְחַטָּאִים בַּעֲדַת צַדִּיקִים: כִּי יוֹדֵעַ יְיָ דֶּרֶךְ
צַדִּיקִים וְדֶרֶךְ רְשָׁעִים תֹּאבֵד:

לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם וּלְאֻמִּים יֶהְגּוּ רִיק: יִתְיַצְּבוּ מַלְכֵי אֶרֶץ
וְרוֹזְנִים נוֹסְדוּ יָחַד עַל יְיָ וְעַל מְשִׁיחוֹ: נְנַתְּקָה
אֶת מוֹסְרוֹתֵימוֹ וְנַשְׁלִיכָה מִמֶּנּוּ עֲבֹתֵימוֹ: יוֹשֵׁב בַּשָּׁמַיִם
יִשְׂחָק אֲדֹנָי יִלְעַג לָמוֹ: אָז יְדַבֵּר אֵלֵימוֹ בְאַפּוֹ וּבַחֲרוֹנוֹ
יְבַהֲלֵמוֹ: וַאֲנִי נָסַכְתִּי מַלְכִּי עַל צִיּוֹן הַר קָדְשִׁי: אֲסַפְּרָה
אֶל חֹק יְיָ אָמַר אֵלַי בְּנִי אַתָּה אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ: שְׁאַל
מִמֶּנִּי וְאֶתְּנָה גוֹיִם נַחֲלָתֶךָ וַאֲחֻזָּתְךָ אַפְסֵי אָרֶץ:
תְּרֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל כִּכְלִי יוֹצֵר תְּנַפְּצֵם: וְעַתָּה מְלָכִים
הַשְׂכִּילוּ הִוָּסְרוּ שֹׁפְטֵי אָרֶץ: עִבְדוּ אֶת יְיָ בְּיִרְאָה
וְגִילוּ בִּרְעָדָה: נַשְּׁקוּ בַר פֶּן יֶאֱנַף וְתֹאבְדוּ דֶרֶךְ כִּי
יִבְעַר כִּמְעַט אַפּוֹ אַשְׁרֵי כָּל חוֹסֵי בוֹ:

מִזְמוֹר לְדָוִד בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם בְּנוֹ: יְיָ מָה רַבּוּ
צָרָי רַבִּים קָמִים עָלָי. רַבִּים אֹמְרִים לְנַפְשִׁי

אֵין יְשׁוּעָתָה לוֹ בֵאלֹהִים סֶלָה וְאַתָּה יְיָ מָגֵן בַּעֲדִי
כְּבוֹדִי וּמֵרִים רֹאשִׁי. קוֹלִי אֶל יְיָ אֶקְרָא וַיַּעֲנֵנִי מֵהַר
קָדְשׁוֹ סֶלָה. אֲנִי שָׁכַבְתִּי וָאִישָׁנָה הֱקִיצוֹתִי כִּי יְיָ יִסְמְכֵנִי.
לֹא אִירָא מֵרִבְבוֹת עָם אֲשֶׁר סָבִיב שָׁתוּ עָלָי. קוּמָה
יְיָ הוֹשִׁיעֵנִי אֱלֹהַי כִּי הִכִּיתָ אֶת כָּל אֹיְבַי לֶחִי שִׁנֵּי
רְשָׁעִים שִׁבַּרְתָּ לַייָ הַיְשׁוּעָה עַל עַמְּךָ בִרְכָתֶךָ סֶּלָה:
לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת מִזְמוֹר לְדָוִד: בְּקָרְאִי עֲנֵנִי אֱלֹהֵי
צִדְקִי בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי חָנֵּנִי וּשְׁמַע תְּפִלָּתִי:
בְּנֵי אִישׁ עַד מֶה כְבוֹדִי לִכְלִמָּה תֶּאֱהָבוּן רִיק תְּבַקְשׁוּ
כָזָב סֶלָה: וּדְעוּ כִּי הִפְלָה יְיָ חָסִיד לוֹ יְיָ יִשְׁמַע בְּקָרְאִי
אֵלָיו: רִגְזוּ וְאַל תֶּחֱטָאוּ אִמְרוּ בִלְבַבְכֶם עַל מִשְׁכַּבְכֶם
וְדֹמּוּ סֶלָה: זִבְחוּ זִבְחֵי צֶדֶק וּבִטְחוּ אֶל יְיָ: רַבִּים אֹמְרִים
מִי יַרְאֵנוּ טוֹב נְסָה עָלֵינוּ אוֹר פָּנֶיךָ יְיָ: נָתַתָּה שִׂמְחָה
בְלִבִּי מֵעֵת דְּגָנָם וְתִירוֹשָׁם רָבּוּ: בְּשָׁלוֹם יַחְדָּו אֶשְׁכְּבָה
וְאִישָׁן כִּי אַתָּה יְיָ לְבָדָד לָבֶטַח תּוֹשִׁיבֵנִי:

---

אֵיין וִידוּי אַלֶע טָאג צוּ זָאגֶען פַאר קְרִיאַת שְׁמַע:

אֱלֹהֵינוּ אוּנְזֶער גָאט אוּנ גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן לָאז פַאר דִיר קוּמֶען מַיין גֶעבֶּעט אוּנ זָאלְסְט נִיט פֶערְהוּילֶען דַיין אוֹיעֶר צוּ פֶערְנֶעמֶען מַיין גֶעשְׁרַיי צוּ דֶערְוַייטֶערֶען מִיךְ. אוּנ לַייטְזֶעלִיג מִיךְ דֶען אִיךְ בִּין קַיין עַזּוּת פָּנִים אוֹיךְ נִיט הַארְט נַאקֶענְדִיג אִיךְ זָאל זָאגֶען אִיךְ בִּין רַיין פוּן מִיסְטַייט אוּנ הָאבּ קַיין אִיבֶּעלְס גֶעטְהוּן. אָבֶער פַאר וָואר מַיינֶע זִינְד זֶענֶען שְׁוֶוער אוּנ גְרוֹים דֶען אִיךְ הָאבּ גֶעמֶערְט קֶעגֶען דִיר מִיסְ טַאטֶען מוּטְווִילִינֶע זִינְד נָאךְ מַיין יֵצֶר הָרָע'ס גֶעלוּסְט אוּנ קָאן עֶס נִיט לַייקֶענֶען. אֲבָל אֲנִי חָטָאתִי אָבֶער פַאר וָואר אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט בְּשׁוֹגֵג. אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט בְּמֵזִיד אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט מִיט ווִידֶער שְׁפֶּענִיקַייט: אָשַׁמְתִּי אִיךְ הָאבּ גֶעשׁוּלְדוּגְט אוּנ אַ טַייל עֲבֵרוֹת ווַייס אִיךְ אוּנ אַ טַייל עֲבֵירוֹת ווַייס אִיךְ נִיט. אָבֶער פַאר דִיר אִיז נִיט פֶערְהוּילֶען דוּ ווַייסְט אַלְס וואחל אוֹיבּ עֶס אִיז אַ זִינְד אָדֶער נִיט: בָּגַדְתִּי אִיךְ הָאבּ גֶעפֶעלְשְׁט אִין דַיין תּוֹרָה. אִיךְ הָאבּ מִיךְ בֶּעהֶעפְט צוּ מַיין יֵצֶר הָרָע: גָּזַלְתִּי אִיךְ הָאבּ אַנְדֶערֶע לַייט בֶּערוֹיבְּט אִיךְ ווַייס נִיט וֶועמֶען אִיךְ זָאל ווִידֶער קֶערֶען דָאס זַיינִיגֶע: גָּנַבְתִּי אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁטָאלֶען אוּנ הָאבּ גֶעלַייקֶענְט: דִּבַּרְתִּי דוֹפִי אִיךְ הָאבּ גֶעמוּרְמֶעט אוּנ הָאבּ גֶערֶעט אִין מַיין תְּפִלָּה צְווִישֶׁען בָּרוּךְ שֶׁאָמַר אוּנ יִשְׁתַּבַּח אוּנ בָּרְכוּ

און ק"ש. ווען דער חזן שמונה עשרה זאגט האב איך קיין אמן געזאגט אדער ווען מען ליינט אין ספר תורה האב איך דברים בטלים גערעדט: העויתי איך האב פערקרימט מיין וועג: והרשעתי און צו בייזהייט בין איך ניט געוועזען טרעג: זדתי איך האב געמוטוויליגט מיט זינד: חמסתי איך האב גערויבט און מיט געוואלד אלס גענומען ווי איינער האט ניט בדעה געהאט צו פערקויפען. איך האב פערשוועכט מיינע שבתים און ימים טובים. איך האב מחלל השם געוועזען. איך האב חניפות גטריבען: טפלתי שקר איך האב מיך בעהעפט צו בייזהייט און שאלקהייט. איך האב אנדערע לייט געמאכט שטרויכלען און פערפיהרען: יעצתי רע איך האב בייזע רייד געטראכט: כזבתי איך האב ליגען געזאגט און צו דעם ליגנער האב איך עס איהם פאר געווארפען און בחרפה געמאכט דאס איז גלייך אזוי ווי איינער האט געטהון א רציחה. איין ארומאן האב איך זיין משכון ניט ארויס געגעבען אויב ער האט בעדארפט ביי נאכט אדער ביי טאג. איך האב רבית גענומען: לצתי איך האב שפאט געטריבען: מרדתי איך האב ווידער געשפעניגט אנטקעגען דיר: נאצתי איך האב דערצערענט גאט און די וועלט: סררתי איך האב אפ געקערט פון גוטען וועג צו בייזען: עויתי איך האב פערקרומט דעם גוטען וועג: פשעתי איך האב געמיסטייט צררתי איך האב בעליידיגט: קשיתי עורף איך האב א הארט נאקען און פיעל נארישקייט געטהון ווען איך האב געלערנט אדער תפלה געטהון: רשעתי איך האב געשולדיגט מיט מיין בייזע מחשבה: שחתי איך האב פערדארבען און האב צו בראכען איין כלי און האב געווארפען אין רוגז. איך האב געגעסען און האב ניט געבענשט נאך דעם עסען: תעיתי תעתעתי איך האב געאיהרט מיך און האב אנדערע לייט געמאכט פעראיהרען. איך האב פערצוגט דעם ארבייטער זיין לוין, ווער קאן דערציילען אדער שאצען וואס איך האב אין מיין הארץ לוסט נאך געטהון וואס מיינע אויגען האבען געזעהן:

רבש"ע מיר האבען ניט געטהון מצות עשה מצות וואס מיר זענען שולדיג צו טהון. מיר האבען געטהון מצות לא תעשה. מצות וואס מען טאר ניט טהון האבען מיר געטהון. מיר האבען געטהון עבירות מיר האבען געבראכען די תורה שבעל פה. מיר האבען פאר געסען דיין הויכען געאכפערטען נאמען מיר האבען פערגעסען דיין קעניגרייך און פארכט. ואתה אבער דו ביסט גערעכט מיט אלס וואס דא קומט אויף דיין קנעכט. דו רעגירסט די גאנצע וועלט מיט ווארהייט דהיינו דעם צדיק נאך זיין גערעכטיקייט דעם רשע נאך זיין בייזהייט נון איך ארומער זינדיגער מענש פיעל זינד האב איך געטהון פון וועלכער זינד זאל איך פאר דיר חשבון אפ געבען עס העלפט מיר קיין לייקענען ניט די שטיינער אין איין הויז מיט אלע יסודות אויס דער וואנט און באלקען זאגען עדות אלס וואס מען זינדיגט פון אן פאנג אן איז אלעס פערחתמת מיט זיין אייגענע האנד:

## חשבון הנפש.

איידער מען גייט זיך לייגען זאל מען זיך גיט בארעכנין וואס מען האט פארברענגט דעם טאג און מען זאל חרטה האבען און תשובה טאהן אויף די שלעכטע מעשים און נעמען אויף זיך שוין גוט צו זיין און ווען איינער האט אפילו געגען איהם עפיס שלעכטס גיטוהן זאל ער איהם מוחל זיין

כְּדֵי עֶס זָאל קֵיין מֶענְשׁ דוּרְךְ אִיהְם גֶשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען פַאר דֶעם וָועט
עֶר הָאבֶּען אַגְרוֹיסֶען שְׂכַר אָמֵן:

דֶער נָאךְ זָאגְט מֶען דָאס.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֲרֵינִי מוֹחֵל לְכָל מִי שֶׁהִכְעִיס וְהִקְנִיט אוֹתִי אוֹ שֶׁחָטָא כְּנֶגְדִּי בֵּין בְּגוּפִי בֵּין בְּמָמוֹנִי בֵּין בִּכְבוֹדִי בֵּין בְּכָל אֲשֶׁר לִי בֵּין בְּאוֹנֶס בֵּין בְּרָצוֹן בֵּין בְּשׁוֹגֵג בֵּין בְּמֵזִיד בֵּין בְּדִבּוּר בֵּין בְּמַעֲשֶׂה לְכָל בֶּן אָדָם וְלֹא יֵעָנֵשׁ שׁוּם אָדָם בְּסִבָּתִי. יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי שֶׁלֹּא אֶחֱטָא עוֹד וְלֹא אֶחֱזוֹר בָּהֶם וְלֹא אָשׁוּב עוֹד לְהַכְעִיסְךָ וְלֹא אֶעֱשֶׂה הָרַע בְּעֵינֶיךָ וּמַה שֶּׁחָטָאתִי לְפָנֶיךָ מְחוֹק בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים אֲבָל לֹא עַל יְדֵי יִסּוּרִים וָחֳלָיִם רָעִים: יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי:

אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ תָּבוֹא לְפָנֶיךָ תְּפִלָּתֵינוּ וְאַל תִּתְעַלַּם מִתְּחִנָּתֵינוּ שֶׁאֵין אָנוּ עַזֵּי פָנִים וּקְשֵׁה עוֹרֶף לוֹמַר לְפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ צַדִּיקִים אֲנַחְנוּ וְלֹא חָטָאנוּ אֲבָל אֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ:

אָשַׁמְתִּי אָכַלְתִּי דְבָרִים אֲסוּרִים אָכַלְתִּי נְבֵלוֹת וּטְרֵפוֹת אָכַלְתִּי פַּת הָאָסוּר לָנוּ לֶאֱכוֹל אָכַלְתִּי בְּלִי נְטִילַת יָדַיִם אָכַלְתִּי בְּלֹא בְּרָכָה לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ. בָּגַדְתִּי בָּךְ בֵּרַכְתִּי בְּרָכָה לְבַטָּלָה בָּעַלְתִּי בְּעִילַת זְנוּת. גָּזַלְתִּי גָּנַבְתִּי דַעַת הַמָּקוֹם וְדַעַת הַבְּרִיּוֹת. גָּנַבְתִּי מָמוֹן אֲחֵרִים. דִּבַּרְתִּי דוֹפִי דִּבַּרְתִּי דְבָרִים בְּטֵלִים דִּבַּרְתִּי לְשׁוֹן הָרָע וּרְכִילוּת דִּבַּרְתִּי בְּבֵית הַכְּנֶסֶת בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה דִּבַּרְתִּי בִּשְׁעַת קְרִיאַת הַתּוֹרָה דִּבַּרְתִּי נִבְלוּת פֶּה דִּבַּרְתִּי אֶחָד בַּפֶּה וְאֶחָד בַּלֵּב. הֶעֱוִיתִי הִרְהַרְתִּי בַּיּוֹם וּבָאתִי לִידֵי קֶרִי בַּלַּיְלָה הִרְהַרְתִּי הִרְהוּרִים רָעִים בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה הִרְהַרְתִּי אַחֲרֵי רַבּוֹתַי וַחֲבֵרַי. וְהִרְשַׁעְתִּי. זַדְתִּי אַחֲרֵי רוֹעַ לִבִּי. זוֹלֵל וְסוֹבֵא הָיִיתִי זִלַּלְתִּי בְּנֵי

חֲבֵירַי בְּרַבִּים. חָמַסְתִּי חָמַדְתִּי מָמוֹן אֲחֵרִים. חָמַדְתִּי נָשִׁים אֲחֵרוֹת חִלַּלְתִּי שַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים הִלַּלְתִּי אֶת הַשֵּׁם. טָפַלְתִּי שֶׁקֶר וּמִרְמָה. יָעַצְתִּי רָע. כִּזַּבְתִּי כִּחַשְׁתִּי כָּפַרְתִּי מָמוֹן אֲחֵרִים. לַצְתִּי לִמַּדְתִּי תּוֹרָה שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם. מָרַדְתִּי. נִאַצְתִּי נִאַפְתִּי בַּיָּד וּבִשְׁאָר אֵבָרִים נֶשֶׁךְ וְרִבִּית לָקַחְתִּי נִתְכַּבַּדְתִּי בִּקְלוֹן חֲבֵרִי. סַרְתִּי בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה הָיִיתִי. עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי. פָּרַקְתִּי עוֹל תּוֹרָה וּמִצְוֹת מִמֶּנִּי. צָרַרְתִּי. קִשִּׁיתִי עֹרֶף. קִשִּׁיתִי עַצְמִי לָדַעַת. רָשַׁעְתִּי רַע לַשָּׁמַיִם וְרַע לַבְּרִיּוֹת הָיִיתִי. שִׁחַתִּי זֶרַע לְבַטָּלָה בֵּין בְּיָד בֵּין בְּהִרְהוּר בֵּין אֵצֶל אִשְׁתִּי בֵּין בְּנָכְרִיָּה אוֹ בְּזוֹנָה. תִּעַבְתִּי תָּעִיתִי תִּעְתָּעְתִּי סַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וּמִמִּשְׁפָּטֶיךָ הַטּוֹבִים וְלֹא שָׁוָה לִי וְאַתָּה צַדִּיק עַל כָּל
הַבָּא עָלַי כִּי אֱמֶת עָשִׂיתָ וַאֲנִי הִרְשָׁעְתִּי:

**אֶשָּׂא** קוֹלִי בִּבְכִי וִילָלָה עַל הַטֹּאת נְעוּרַי כַּעֲבוֹתוֹת הָעֲגָלָה. וְאֵיךְ אֶשָּׂא פָּנַי אֶל פְּנֵי נוֹרָא עֲלִילָה. אוֹי לִי כִּי הוֹצֵאתִי זֶרַע לְבַטָּלָה. בָּכֹה אֶבְכֶּה בַּלַּיְלָה עַל פְּשָׁעַי אֲשֶׁר עָלַי עוֹלָה וְאֵיךְ אֶשָּׂא פָנִים פְּנֵי יוֹשֵׁב קָדְשׁוֹ סֶלָה. אוֹי לִי הִרְהַרְתִּי וּבָאתִי לִידֵי קֶרִי בַּלַּיְלָה גַּם כִּי אֶזְעַק וַאֲשַׁוַּע שָׂתַם תְּפִלָּתִי כִּי רַבּוּ עֲוֹנוֹתַי וְחַטֹּאתַי וְאֵיךְ אֶשָּׂא פְּנֵי אֱלֹהֵי תְהִלָּתִי. אוֹי לִי עַל נִשְׁמָתִי דָּמוֹעַ תִּדְמַע עֵינִי יוֹם וָלַיְלָה: וְנָתַתִּי לִבִּי לְהִתְעַנּוֹת בִּשְׁתִיָּה וּבַאֲכִילָה וְאֵיךְ אֶשָּׂא פְּנֵי שׁוֹכֵן מַעְלָה. אוֹי לִי שֶׁפָּגַמְתִּי בְּרִית לָשׁוֹן וּבְרִית מִילָה. הוֹי וַאֲבוֹי אֶצְעַק בְּמָרָה כִּי חָטָאתִי בִּלְשׁוֹנִי וְדִבַּרְתִּי סָרָה וְאֵיךְ אֶשָּׂא פְּנֵי אָיוֹם וְנוֹרָא. אוֹי לִי כִּי פָּרַקְתִּי עוֹל תּוֹרָה. וְעַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּה וַאֲנָחָה. כִּי הוֹרֵיתִי שֶׁלֹּא כַהֲלָכָה וְאֵיךְ אֶשָּׂא פְּנֵי אֱלֹהֵי הַמַּעֲרָכָה.
אוֹי לִי כִּי הָלַכְתִּי בְּגַסּוּת וּבְרָמַת רוּחָא:

זָחַלְתִּי וָאִירָא מֵאֵימַת דִּינֶךָ כִּי נִאַצְתִּי וְחִלַּלְתִּי אֶת שְׁמֶךָ. וְאֵיךְ אֶשָּׂא פָּנֶיךָ. אוֹי לִי עַל לֹא שָׁמַרְתִּי מִצְוֹתֶיךָ. חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת הִרְבֵּיתִי אֵלֶּה וְכַחַשׁ מִפִּי הוֹצֵאתִי וְאֵיךְ אֶשָּׂא פְּנֵי אֱלֹהַי קְדוֹשִׁי. אוֹי לִי כִּי דִבַּרְתִּי בִּשְׁעַת תְּפִלָּתִי טוּמְאָתִי בְּשׁוּלַי לֹא זָכַרְתִּי אַחֲרִיתִי. וְהָרַע בְּעֵינֶיךָ עָשִׂיתִי. וְאֵיךְ אֶשָּׂא פְּנֵי עוּזִּי וּמְנוּסִי אוֹי לִי כִּי אִתִּי תָּלִין מְשׁוּגָתִי יָדִי לַזָּר תָּקַעְתִּי. פְּנֵי חֲבֵירַי הִלְבַּנְתִּי וְאֵיךְ

אשא פני אלהי תפארתי אוי לי כי בקלון חבירי נתכבדתי:

נאך קריאת שמע קיש דיא מזוזה אונ זאג דאס.

יי שומרי יי צלי על יד ימיני. יי ישמור צאתי ובואי
לחיים ולשלום מעתה ועד עולם. שדי ישמרני מיצר
הרע שדי ישמרני מכל חלאים רעים וחלומות רעים.
ומקרי לילה: ז"פ בכל דרכיך דעהו והוא יישר
אורחותיך. שרי ליה מאריה למאן דמצער לי:

ווער עס קען נים שלאפען זאל זאגען דאס וועט ער שלאפען:

ג"פ גד גדוד יגודנו והוא יגד עקב: עקב יגד והוא יגודנו
גדוד גד: ג"פ אם תשכב לא תפחד ושכבת
וערבה שנתך: ג"פ בטוב אלין אקיץ ברחמים: ג"פ אתה
סתר לי מצר תצרני רני פלט תסובבני סלה: סלה
תסובבני פלט רני תצרני מצר לי סתר אתה: ג"פ תודיעני
ארח חיים שבע שמחות את פניך נעמות בימינך נצח:
ג"פ אתה תקום תרחם ציון כי עת לחננה כי בא מועד:
כדנא תאמרון להון אלהיא די שמיא וארקא לא
עבדו יאבדו מארעא ומן תחות שמיא אלה: בידך
אפקיד רוחי פדיתה אותי יי אל אמת:
תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב:

## תחנה שלשה שערים.

שער זה נתיסד על שלשה מצות שנצטוו הנשים:

שלשה מצות נצטוו הנשים דריי מצות זענען די נשים געבאטען געווארען הנ"ה שמותן דער נאמען
פון די דריי מצות איז חנ"ה דאס ווארט חנ"ה מאכט חלה נדה הדלקת הנר:

**רֵאשִׁית עֲרִיסוֹתֵיכֶם חַלָּה תָּרִימוּ:** דִּיא טַייטְשׁ פוּן דֶעם פָּסוּק אִיז אַזוֹי דָאס עֶרְשְׁטֶע פוּן אַייעֶר
טֵייג זָאלְט אִיר אָפּ שֵׁיידֶען חַלָּה בִּזְכוּת זֶה ה׳ אוֹצְרוֹתֵיכֶם שׂוֹבַע יְמַלֵּא דִּיא וֶוערְטֶער אִיז טַייטְשׁ פוּן וֶועגֶען דֶעם זְכוּת פוּן מִצְוֹת חַלָּה וֶועט הַשׁי״ת בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ אַייךְ גֶעבֶּען דִי בְּרָכָה אִין אַייעֶרֶע אוֹצָרוֹת אוּנ וֶועט זַיי אָן פִילֶען מִיט זַאט פַאר צַייטֶען פְלֶעגְט אַזוֹי זַיין דֶער כֹּהֵן הָאט גֶענוּמֶען תְּרוּמָה אוּנ דֶער לֵוִי הָאט גֶענוּמֶען מַעֲשֵׂר אוּנ דֶער עָנִי מַעֲשַׂר עָנִי אוֹיךְ צוּ דַייטְשֶׁען מַעֲשֵׂר שֵׁנִי אָבֶּער אַצוּנְדֶערְט בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אַז דָאס בֵּהמ״ק אִיז חָרוּב אִיז אַלְץ בָּטֵל גֶעוָוארֶען נָאר דִי מִצְוָה פוּן חַלָּה אִיז גֶעבְּלִיבֶּען דְרוּם רבש״ע בֶּעטֶען מִיר דִיךְ אַז דוּא זָאלְסְט אָן נֶעמֶען דִיא מִצְוֹת חַלָּה אוּנ זָאלְסְט שִׁיקֶען גְרוֹיס בְּרָכָה וִוי מִיר וֶועלֶען זִיךְ קֶערִין אוּנ וֶוענְדֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְלֶעךְ זָאלֶען נִיט פַאר פְרֶעמְד וֶוערֶען אוּנ מִיר זָאלֶען קֶענֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַלַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּען אִיךְ מִיט מַיין מַאן בִּיז לַאנְג לֶעבֶּען אוּנ דִי מִצְוֹת חַלָּה זָאל אָן גֶענוּמֶען וֶוערֶען זִי זָאל גֶעוואֶגֶען זַיין וִוי גָאר דִי תרי״ג מִצְוֹת פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה: (חוֹפֵשׂ ה׳ כָּל חַדְרֵי בָטֶן) דָאס אִיז טַייטְשׁ נָאט בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ זוּכְט דִי אַלֶע קַאמֶערֶען פוּן דֶעם בּוֹיךְ:

## דינים פון חלה

וֶוען זִיא טוּט נֶעמֶען חַלָּה זָאל זִי אַזוֹי זָאגֶען וֶועט מֶען נִיט פַר שְׁנַיידֶען זַייעֶרֶע יָארֶען אוּנ טָאגֶען חַס וְשָׁלוֹם וֶוען מֶען קְנֶעט אוֹיס טֵייג אַזוֹי פִיהְל מֶעהְל כְּמִנְיַן חַלָּה דָאס אִיז טַייטְשׁ אַזוֹי פִיהְל מֶעהְל וִוי פִיל דָאס וָוארְט חַלָּה טְרֶעפְט אָן דְהַיינוּ מ״ג בֵּיצִים דָאס אִיז דְרַיי אוּנ פֶערְצִיג אֵייעֶר אוּנ דָאס בַּאטְרֶעפְט דְרַיי קְוָוארְט מֶעל מוּז מֶען פוּן דֶעם טֵייג אָפּ שֵׁיידֶען חַלָּה:

אַז מֶען נֶעמְט חַלָּה מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה.

בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ:

**בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַפְרִישׁ חַלָּה:**

לִכְבוֹד גָאט לִכְבוֹד אוּנְזֶער נָבִיא לִכְבוֹד דֶער לִיבֶּען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וָואס אוּנְזֶער הֶער גָאט הָאט אוּנְז גֶעגֶעבֶּען דֶעם לִיבֶּען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּנ הָאט

אונז געבאטען די ליבע מצוה איך זאל זיא קענען רעכט מקיים זיין אונ עס זאל אזוי גערואגען זיין ווי כל תרי"ג מצות פון כל ישראל אמן כן יהי רצון:

## יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ: וְשָׁם נַעֲבָדְךָ בְּיִרְאָה כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת:

מיין חלה זאל אן גענומען זיין אזוי ווי איין קרבן אויף דעם מזבח איז אן גענומען געווארען מיין מצוה זאל אן גענומען זיין גלייך ווי איך האב זיא רעכט מקיים געוועזען פאר צייטען איז דאס געקומען דעם כהן גדול אונ ער האט פאר דעם פאר געבען די זינד אזוי זאל מיר אויך פאר געבען ווערען מיינע זינד איך זאל זיין גלייך ווי איין נייא געבארען קינד איך זאל קענען מיינע ליבע שבתים אונ ימים טובים עהרען ער זאל מיר באשערען איך זאל מיך קענען מיט מיין מאן אונ מיט מיינע קינדער דער נערין עס זאל אן גענומען ווערין מיין מצוה פון חלה נעמין אז מיינע קינדערליך זאלען געשפייזט ווערין פון דעם ליבען גאט ברוך הוא מיט גרויס רחמנות אונ מיט גרויס דער בארימהערציגקייט עס זאל געגליכען זיין מיין מצות חלה גלייך ווי איך האב מעשר געגעבען ווי איך טוא מיין מצוה פון חלה מיט מיין גאנצין הארצען אזוי זאל גאט ברוך הוא מיט גרויס רחמנות אונ מיט גרויס דער בארימהערציגקייט מיך היטען פון פיין אונ שמערצען:

מצות נדה אם תשמרו ה' יצילכם ממיתת אסכרה והדרוקן דאס איז טייטש אז איר וועט רעכט היטען דיא מצוה פון נדה אזוי וועט השי"ת ב"ה היטען אייערע קינדער פון מיתת אסכרה אונ פון דער מיתה וואס הייסט הדרוקן:

---

דיא תחנה זאגט מען פרייטאג צו נאכט צו לעכט צינדען.

אלהינו ואלהי אבותינו דו בישט אונזער גאט אונ גאט פון אונזער עלטערין קיניג דער בארמיגער עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר אז איך זאל געדאכט ווערען פאר דיר מיט אנידערניש פון היילגען אינ פון אייטל

דער בארמהערציגקייט פון אייבערשטען הימלען אונ דו זאלסט געדענקען דיין דינסט (פב"פ) מיט דיין היילגען נאמען דער דא הייסט צבאות גאט פון אלע באשעפעניש דוא זאלסט דיך קערין צו מיין געבעט ווי דוא האסט אן גענומען דיא תפלה פון אונזער מוטער חנה עליה השלום דיא דא איז איין עקרה געוועזען אונ האט תפלה געטאן האסט דו איהר באשערט גוטע פרומע קינדער אונ דו האסט דער הערט איהר געבעט אונ פון איר איז ארויס געקומען דער צדיק שמואל הנביא דער דא איז אין דער וואג שאל אזוי גוט געוועזען אזוי ווי משה אונ אהרן אזוי ווי אין פסוק שטייט משה ואהרן בכהניו ושמואל בקוראי שמו קוראים אל יי׳ והוא יענם אונ זאלסט דיך קערין צו מיין תפלה מיט גינאד אונ גרוים דער בארימהערציגקייט אונ דו זאלסט מיך לייט זעליגען מיט מתנת חנם אין דעם זכות פון דיא דרייא היילגע מצות דאס דו האסט אונז ווייבער געבאטען דאס איז נדה חלה הדלקת הנר די איך האב מקיים געוועזען זיי זאלען פיר שפרעכער זיין פאר דיין היילגען כסא הכבוד דאס איך זאל זוכה זיין דורך דעם דאס דו זאלסט מיר געבען גוטע אונ פרומע קינדער דאס זיי זאלען זיין תלמידי חכמים דו זאלסט עפינען זייערע הערצער זייא זאלען פאר שטיין די סודות פון דיין תורה אונ זיי זאלען לערנען פון דיין היילגען נאמען וועגען דאס זיי זאלען זיין פריש אונ געזונד אונ גאנץ אויף אלע גלידער אונ זיי זאלען גאר קיין מום ניט האבען אין איר גאנצען גוף אונ זיי זאלען ניט זיין גאר צו לאנג אונ ניט גאר צו קארץ ניט צו ווייס אונ אויך ניט צו שווארץ אונ ניט איבעריג קלוג אונ אויך ניט גרוים נאריש נאר זיי זאלען זיין חכמים ווי עס געבירט אונ זיי זאלען האבען חן וחסד אין דיינע אויגען אונ די לייטען אויגען אונ איך זאל זוכה זיין צו דער ציהען זיי מיט מיין מאן אין עושר אונ כבוד אויך לאנגע יארען אונ אויף לאנגע טעג אונ קיין שום קינד פון אונזערע קינדער זאלען ניט שטארבען ביי מיין לעבען אונ אויך ניט בייא מיין מאנס לעבען אונ מיר זאלען זוכה זיין צו האבען אונזער פרנסה בכבוד פון דיין געטרייאי מילדי האנד אונ ניט דורך הענד פון מענטשען אונ מיר זאלען קענען טאן צדקה אונ גמילות חסד. מיט אלע לייט אונ מיר זאלען זוכה זיין צו זעהן מיט אונזערע אויגען קינדער אונ קינדס קינדער דיא דא זאלען עוסק זיין אין דער תורה אונ מעשים טובים אונ עס זאל אן אונז מקוים ווערען וואס ישעיה הנביא האט געזאגט אונזער גאט האט געזאגט איך וועל מיין

ווערהייט

זוכערהייט מיט דיר באשטעטוגען אונ די גבואה וועל איך לאזען רוגען אויף דיר אונ מיינע רייד דאס מיינט מען די תורה די איך געטאן האב אין דיין מונד דאס וועט ניט ווערען אפ געטאן פון דיין מונד אונ פון דיינע קינדער דאס האט געזאגט גאט פון אצונד אן ביז אייביג אמן כן יהי רצון אמן סלה:

---

איין נייע תחנה פאר לעכט צינדען שבת ויום טוב.

גאט פון דיין פאלק ישראל די ביסט הייליג אונ די האסט געהייליגט דיין פאלק ישראל אונ די האסט געהייליגט דעם שבת אונ די ביסט איינער אונ די ישראל האסטו אויסדערוויילט אונטער אלע פעלקער צו דיין דינסט אונ דעם שבת צו עהרען אונ צו לייכטען מיט לעכט אונ צו האבען פרייד אונ לוסט אין דיינעם דינסט היינט אן דיינעם הייליגען שבת דאס מיר זאגען שילדיג עהרליך צו האלטען מיט אלע זאכען אזוי ווי א מלך דער האלט עהרליך זיין מלכה אדער ווי א חתן האלט עהרליך זיין כלה אונ נאך רעדען פיהל חכמים דאס זיי האבען גערופען דעם שבת בת מלכה אונ כלה דען איך דיין טאכטער וויל שוין לעכט צינדען צוויי לעכט די דיינע חכמים האבען געהייסען די וואס ווייסען דיין הייליגע תורה צו עהרין אונ צו הייליגען דיין נאמען אונ די תורה אין דעם שבת. אלמעכטיגער גאט גיב מיר אונ מיין מאן אונ מיינע קינדער אונ מיין גאנץ הויז געזונד דעם הייליגען שבת צו רוען אונ צו הייליגען מיט נחת אונ באהיט אונז פאר אלע בייזע באגעגעניש אונ אויך פאר אלע בייזע גזרות אין דעם היינטיגען טאג דען די רשעים האבען אויך היינט רוה אין דעם ביטערין גיהנם אזוי זאלסטו אין דעם טאג פון שבת באהיטען פאר אלעם בייזען אונ אלע מיינע לעכט זאלען העל אונ לויטער ברענען צו פאר טרייבען די בייזע רוחות אונ שדים ומזיקים בת מחלת אלע די דא קומען פון לילית זיי זאלען אוועק פליהען פאר דיא לעכט וואס איך מיא אהנצינדען אין דעם שבת דאס זיי זאלען ניט שעדיגען דעם מענטש ניט קיין מאן אויך ניט קיין פרוי אונ קינדער הער פון אלע וועלטען גיב מיר קינדער די דא וועלען לייכטען אין דיין תורה אונ זאלען באשיידען דיינע גבאט רעכטען אונ ווייזען וועג אונ זאלען טאן אלע צייט דאס דיר וואל געפעלט אונ דיינע אויגען אונ דאס עס וואל געפעלט אין אויגען פון לייטען אונ דאס מיר דעם שבת זאלען זוכה זיין צו דינען אונ צו זעניפטיגען אן אלע הונדערנעם אונ שיק אונז די ברכה מיט דעם נוטען מלאך דער דא

גייט אויף די רעכטע האנד פון דעם מענטש און דער בייזער מלאך זאל דארויף זאגען אמן און לאז אונז זוכה זיין דאס מיר וועלען ארבעטן דעם טאג דער דא איז איטעל שבת דער דא רוהט דער דא לעכט אייבינג עס זאל באוויליגט זיין פאר דיר גאט מיין דער לייזער אמן:

# דינים פאר לעכט צינדין׳

א) יעדע אשה איז מחויב עש״ק לעכט צו צינדען אז זיא איז ח״ו מבטל דיא מצוה איז עס אגרויסע עבירה, עס ווירד גיברענגט אז דורך דריי עבירות שטארבען ווייבער ביים געבורד ווייל זיי האלטען נישט כדין נדה און מצות חלה און לעכט צינדען איבער דעם זאל יעדע אשה זיין גיווארינט און פריה לעכט צינדען זיא זאל ח״ו נישט קימען צו חילול שבת:

ב) זיא זאל לפחות צינדען צוויי לעכט אקעגען דעם וואס שטייט און דער הייליגער תורה זכור את יום השבת און שמור את יום השבת און פון דעסט וועגען זאל יעדע אשה מעהר לעכט צינדען לכבוד ש״ק לויט ווי איינער איז אומשטאנד:

ג) ווען זי האט אמאל פארגעסען און לעכט ווייניגער געצינדען זאל זי פאר דאס יעדען שבת מעהר אלעכט צינדען:

ד) מען דארף לעכט צינדען אין אלע חדרים ווי מען ניצט אין שבת:

ה) ווען מען צונד אין עטליכע חדרים ברויך מען נישט ברכה צו מאכען נאהר איבער די לעכט וואס מען צינד אויף דעם טיש ווי מען עסט:

ו) ווען זיא האט פארשפעטיגט עס איז אספק אויב מען מעג שוין צינדען זאל זיא לאזען דורך איין נכרי צינדען און זאל קיין ברכה מאכען:

ז) אז זיא אין ספק אויב זיא האט שוין אברכה גימאכט זאל זיא ניט קיין ברכה מאכען:

ח) אבלינדע קאן אויך צינדען מיט אברכה נאר אז עס צינדען דארטען אנדערע ווייבער מיט אברכה זאל זיא שוי אויך צינדען אהן אברכה:

איף פרייטיג צונאכט פאר לעכט צינדען.

### תוכחת מוסר

וויא גרויס דיא מצוה איז פון לעכט צינדען שבת ויו״ט אין אויך לעכט צו צינדען אין שיהל און אין בהמ״ד מיר געפונען ביי דבורה די נביאה שטייט (דבורה נביאה אשת לפידות) זאגט דער מדרש לפידות איז טייטש פלאמען פייער ווייל זי פלעגט מאכען גראבע קנויטען צו די מנורה אין בית המקדש עס זאל זיין גרויס לעכטיקייט אין בית המקדש דארום האט זיא זוכה גאט דאס לעכטיקייט פון דיא מנורה. גיוועזען צו נביאות, איז קשה דארף דען דער תירוץ איז ווייל אין בהמ״ק איז

### משלי מוסר

יעדער אשה פרייטיג פאר נאכט בפאהר זי גייט לעכט צינדען זאל זי תשובה טוהן דען דאמאלם איז איין עת רצון דיא תשובה זאל נתקבל ווערען דען אז מען טוהט נישט קיין תשובה אויף די זינד וואס מען האט

משלי מוסר

גִיטוּהְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ הֶערְט דִי נְשָׁמָה וָועהר פַאר פְלֶעקְט אִיז דֶער נָאךְ זֶעהר שְׁוֶועהר דִי נְשָׁמָה צוּ רַיינִיגֶען וַוייא אִיז צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אַוֶועק אָהְן תְּשׁוּבָה דֶען דֶער מֶענְטְשׁ בְּרוֹיךְ זִיךְ צוּ בַּאוַוייזֶען אַז עֶר אִיז נָאר גִיקוּמֶען צוּ פַארֶעכְטֶען וָואס עֶר הָאט פַארְדָארְבֶּען אִין יֶענִים גִלְגוּל צוּ סוֹף גִישְׁט גֶענוּג עֶר פַארֶעכְט נִישְׁט דָאס אַלְטֶע נָאר עֶר אִיז נָאךְ מוֹסִיף נַייעֶ זִינְד אִין דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַהִין אוֹיף דֶעם עוֹלָם אֱמֶת צוּ קַאהְלְט אִין צוּ בַּאהָלְט. לְמָשָׁל אַ מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אֵיין בֵּן יָחִיד וָואס אִיז קְרַאנְק גִיוֶועזֶען הָאט עֶר גִיהֶערְט אַז גַאנְץ וַוייט וָואהְנְט אַ דָאקְטֶער אַ מוּמְחֶה הָאט עֶר זַיין זִיהְן אַהִין גֶעשִׁיקְט עֶר זָאל אִיהְם הַיילֶען הָאט עֶר אִיהְם אָהְן גֶעהַאקְט דִי הֶענְד אוּנ דִיא פִּים אוּנ צוּ גֶענוּמֶען דָאס גֶעלְד אִין הָאט אִיהְם נָאךְ קְרַאנְקֶער גִימַאכְט ווִי פְרִיעֶר ווִי דֶער מֶלֶךְ הָט דָס דֶער זֶעהְן הָט עֶר גֶעשִׁיקְט זַיין חַיִל מֶען זָאל אִיהְם חַאפִּין אוּנ מֶען זָאל אִיהְם מַעֲנִישׁ זַיין אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מֶלֶךְ אִיז הַשֵּׁי"ת הָאט אַ בַּת יְחִידָה מֵיינְט מֶען דִי נְשָׁמָה הָאט עֶר זִי אַרַיין גִישִׁיקְט אוֹיף דֶעם עוֹלָם צוּם גוּף עֶר זָאל דִיא נְשָׁמָה מְתַקֵּן זַיין גֵייט דִיא נְשָׁמָה גֵייט דֶער גוּף נִישְׁט גֶענִיג עֶר הַיילְט זִיא נִישְׁט שְׁלָאגְט עֶר זִיא נָאךְ צוּ אִין אִיז זִיא פּוֹגֵם פוּן קָאפּ בִּיז אִין פִּים דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרוֹיף צוּם מֶלֶךְ הקב"ה אִין וַויינְט פַאר הַשֵּׁי"ת זֶעה וָואס דֶער גוּף הָאט גֶעטוּהְן שִׁיקְט הקב"ה דִיא מְחַבְּלִים זַייא זָאלֶען מַעֲנִישׁ זַיין דֶעם גוּף אִין דַאמָאלְס

העלפט

תוכחת מוסר

גִיוֶועזֶען לֶעכְטִיג פוּן דִי שְׁכִינָה הָאט מֶען גִיבְּרוֹיכְט דוּא מְנוֹרָה זָאל אוֹיךְ לַאכְטֶען כְּדֵי דִיא כֹּהֲנִים וָואס קוּמֶען אַרַיין יֶעדִין טָאג צוּ דֶער עֲבוֹדָה אִין דֶער פְרִיה אִין אוֹיף דֶער נַאכְט זָאלֶען זַייא זֶעהְן פוּן דִיא לֶעכְט פוּן דִי מְנוֹרָה נִישְׁט פוּן דִיא לֶעכְט פוּן דִי שְׁכִינָה וַוייל פוּן דִיא שְׁכִינָה בְּרוֹיךְ מֶען נִיט הֲנָאָה הָאבֶּען אִין דִי לֶעכְטִיקַייט פוּן דִיא מְנוֹרָה הָאט פַאר שְׁטֶעלְט דִיא לִיכְט פוּן דִי שְׁכִינָה אִין דְבוֹרָה אִיז גִיוֶועזֶען אַ צַדֶקֶת אוּנ הָאט בַּאמֶערְקְט אַז דִי לֶעכְט פוּן דִי שְׁכִינָה אִיז גְרוֹיס הָאט זִיא גִימַאכְט גְרָאבֶּע קְנוֹיטֶען עֶס זָאל זַיין דִי לֶעכְט פוּן דִיא מְנוֹרָה זָאל זַיין גְרוֹיס עֶס זָאל פַאר שְׁטֶעלֶען דִיא לֶעכְטוּקַייט פוּן דִיא שְׁכִינָה דִיא כֹּהֲנִים זָאלֶען נִיט הֲנָאָה הָאבֶּען פוּן דִיא שְׁכִינָה אוּנ וַוייל זִיא הָאט כָּבוֹד אָן גִיטוּעֶן צוּ דִיא שְׁכִינָה הָאט גָאט ב"ה גִימַאכְט רוּעֶן אוֹיף אִיהְר דִיא שְׁכִינָה אוּנ זִיא אִיז גִיוָוארֶען אַ נְבִיאָה זֶעהְן מִיר אַז ווייבֶּער קֶענֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ נְבִיאָה דוּרְךְ דִיא מִצְוָה פוּן מְנוֹרָה הַיינְט הָאבֶּען מִיר נִיט קַיין בהמ"ק דִיא שִׁיהְל מִיט דֶעם בהמ"ד אִיז אַזוֹי וִויא דָאס בהמ"ק דִי לֶעכְט וָואס מֶען צִינְט אָהְן אִין שִׁיהְל פַאר דֶעם עַמּוּד אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה. נָאךְ אַ מִצְוָה פוּן לֶעכְט צִינְדֶען אִיז דָא פְרַייטִיג פַאר נַאכְט אָן צִינְדֶען לֶעכְט לִכְבוֹד שַׁבָּת דִיא מִצְוָה אִיז גִיגֶעבֶּען צוּ ווייבֶּער מֶעהְר ווִיא צוּ דִיא מֶענֶער דִיא גְמָרָא זָאגְט אַז חַוָּה הָאט גִיגֶעסֶען פוּן דֶעם בוֹים וָואס הַשֵּׁי"ת הָאט נִיט גִיהֵייסֶען עֶסֶען אוּנ דָאס אִיז גִיוֶועזֶען פְרַייטִיג אוּנ מִיט דֶער זוּנְד הָאט זִיא גוֹרֵם גִיוֶועזֶען אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מוּז שְׁטַארְבֶּען הָאט זִיא גוֹרֵם גִיוֶועזֶען עֶס זָאל וֶוערֶען פַאר לָאשֶׁען דִיא לֶעכְט פוּן דֶער וֶועלְט דִי נְשָׁמָה וֶוערְט אָן גִירוּפֶען אַ לֶעכְט אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט (נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם) דָאס אִיז טַייטְשׁ דִיא נְשָׁמָה פוּן מֶענְטְשׁ אִיז גָאט'ס לֶעכְט אוּנ חַוָּה הָאט גוֹרֵם גִיוֶועזֶען עֶס זָאל פַארְלָאשֶׁען וֶוערֶען הָאט מֶען אִיהְר גִיגֶעבֶּען אַ מִצְוָה אָן צוּ צִינְדֶען לֶעכְט לִכְבוֹד

תוכחת מוסר

שבת זיא זאל מיט דער לעכט פרעכטען דיא לעכט פון די נשמות דאריבער דארף יעדע אשה צו צינדען לעכט לכבוד שבת מיט גרויס שמחה אונ דורך דעם זכות וועט זיא זוכה זיין צו האבען גוטע קינדער וואס וועלען באלייכטען דיא וועלט מיט תורה אונ מיט יראה ע"כ זאל יעדע אשה זעהן ח"ו זיך גישט פאר שפעטיגען מיט לעכט צינדען, עס זאל ניט זיין ח"ו שטאט דיא מצוה איין עבירה מען מיז זעהר פאר זיכטיג זיין דעך דער שטן שיקט אונטער אלע מיני סיבות כדי מען זאל פאר שפעטיגען ע"כ זאל מען אלעם איינווענדין מען זאל ח"ו ניט פארשפעטיגען. אונ צו לעכט צינדען זאל זיך אהן טוען בגדי שבת קליידער מיט צירונג בזכות זה וועלען זייא גיהאלפען ווערין אין אלע עניינים אמן:

משלי מוסר

העלפט שוין גישט קיין תשובה איבער דעם ברויך דער מענטש תמיד תשובה צו טוהן בפרט עש"ק פאר נאכט אין איין אשה פאר לעכט צינדען אז זיא גייט מקיים זיין די מצוה פון לעכט צינדען זאל זיא זיין ריין פון עבירות דורך דיא תשובה ובזכות זה וועט קומען דער גואל צדק אמן:

---

אז מען צינט אן לעכט לכבוד שבת זאגט מען די ברכה:

## בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת:

לכבוד גאט לכבוד אונזער געבאט לכבוד דעם ליבען שבת קודש וואס אונזער הער גאט האט אונז געגעבען דעם ליבען שבת קודש אונ האט אונז געבאטען די מצות אז איך זאל קענען מקיים זיין זי זאל זיין געוואגען אזוי ווי כל תרי"ג מצות פון כל ישראל אמן:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ: וְשָׁם נַעֲבָדְךָ בְּיִרְאָה כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת: וְעָרְבָה לַיְיָ מִנְחַת יְהוּדָה וִירוּשָׁלָיִם כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת:

רבש"ע מיין מצוה פון די לעכט אן צינדען זאל אזוי אן גענומען זיין ווי די מצוה פון דעם כהן גדול ווען ער האט די לעכט אין בית המקדש אן געצונדען איז זיין מצוה אן גענומען געווארען אזוי זאל מיין מצוה אויך אן גענומען ווערען (נר לרגלי דבריך ואור לנתיבתי) דיינע רייד איז איין לעכט צו מיינע פיס. אונ מיינע קינדער זאלען גיין אין גאטס וועג אונ די מצוה פון מיינע לעכט צינדען זאל אן גענומען ווערען אז מיינע קינדערס אויגען זאלען לייכטען אין דער היילגער תורה אויך טוא איך בעטען לעבען

דִי לֶעכְט דֶעם לִיבֶּען גָאט ב"ה אוּנ מַיין מִצְוָה פוּן דִי לֶעכְט זָאל אָן גֶענוּמֶען וֶוערְען וִוי דָאס לֶעכְט בְּרֶענְט פוּן דֶעם בוֹים אֵייל אִין בהמ"ק אוּנ אִיז נִיט פַאר לָאשֶׁען גֶעוָוארֶען בִּזְכוּת דָאס לִיכְט פוּן דֶעם לִיבֶּען שַׁבָּת זָאל מֵגִין זַיין וִוי דֶער לִיבֶּער שַׁבָּת הָאט מֵגִין גֶעוֶוען אוֹיף אָדָם הָרִאשׁוֹן וִוי עֶר אִיז בַּאהִיט גֶעוָוארֶען פַאר אַיין גֶעכֶען טוֹיט אַזוֹי זָאל אוּנְזֶער זְכוּת פוּן דִי לֶעכְט מֵגִין זַיין אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְס אוֹיגֶען זָאל לַייכְטֶען אִין דֶער תּוֹרָה זֵייעֶר מַזָלוֹת זָאלֶען לַייכְטֶען אִין הִימֶער זֵיי זָאלֶען קֶענֶען פַּרְנָסָה גֶעבֶּען זֵייעֶר וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער בְּעַיִן יָפָה אוּנ אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת זָאלֶען אָן גֶענוּמֶען וֶוערֶען וִוי דִי מִצְוֹת פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת וְאִמָהוֹת אוּנ דִי שְׁבָטִים הַקְדוֹשִׁים מִיר זָאלֶען זַיין אַזוֹי רֵיין וִוי אַיין קִינְד וֶוערְט גֶעבָּארֶען פוּן זַיין מוּטֶער אָמֵן:

---

## גאט פון אברהם.

גָאט פוּן אַבְרָהָם פוּן יִצְחָק אוּנ פוּן יַעֲקֹב בֶּעהִיט דָאס פָאלְק יִשְׂרָאֵל אִין דַיינֶעם לוֹיבּ. אוּנְזֶערֶע זִיבֶּען טָאג זָאל אוּנְז וָואהְל בֶּעקוּמֶען אוּנְזֶער לִיבֶּער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ גֶעהְט אַהִין. דִי וָואךְ זָאל אוּנְז קִימֶען צוּ גֶעזִינְד אוּנ צוּ לֶעבֶּען צוּ מַזָל צוּ בְּרָכָה צוּ עוֹשֶׁר צוּ כָּבוֹד צוּ שָׁלוֹם צוּ מְחִיָה צוּ פַּרְנָסָה טוֹבָה צוּ אַלֶעם גִיטֶען גֶעוִוין. גָאט ב"ה דִי בִּיסְט דֶער הֶער אַוַדַאי אִיבֶּער אוּנְז אוּנ אִיבֶּער אוּנְז אַלֶע. צוּ דִיר אוּנְד צוּ דַיין לִיבֶּען נָאמֶען טְהוּן מִיר הָאפֶען. וֶועג אוּנ שְׁטֶעג זָאל אוּנְז שְׁטֵיין אִימֶער אוּנ אֵייבִּיג אָפֶען. אָפֶען זָאל אוּנְז שְׁטֵיין, אַרַיין זָאלֶען מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהְן. אַרַיין זָאלֶען מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ פְרֶעגֶען בַּיי דֶעם לִיבֶּען הֵיילִיגֶען בַּעשֶׁעפֶער וָואס אִיבֶּער אוּנְז. זָאלֶען מִיר זוֹכֶה זַיין אַזִים יָאהְר אוֹיס צוּ בֶּעטֶען. נֶעמְט אוּנְזֶער לִיבֶּער הֶערְר דֶעם בֶּעכֶער אִין דֶער רֶעכְטֶער הַאנְד אוּנ מַאכְט אַ בְּרָכָה אִיבֶּער דֶעם גַאנְצֶען לַאנְד. מַאכְט אַ בְּרָכָה נָאךְ אַזוֹי הוֹיךְ אוּנְד נָאךְ אַזוֹי גִיט אַז כָּל יִשְׂרָאֵלִ'ס קִינְדֶערְלֶעךְ זָאלֶען זָאגֶען דְרוֹיף אָמֵן. אָמֵן עס זאל וֶוערֶען וָואהְר אַז דֶער מֶלֶךְ הַמָשִׁיחַ זָאל קִימֶען דָאס יָאהְר:

בָּרוּךְ הַמַבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל, בֵּין אוֹר לְחוֹשֶׁךְ. בֵּין יִשְׂרָאֵל לָעַמִּים, בֵּין יוֹם הַשְּׁבִיעִי לְשֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה. בָּרוּךְ הַמַבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל: